STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02369

# DER NOVI FUN MEKA

K. Moskovits

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ק. מאָשקאָוויטש

# דער נביא פון מעקא

(מאַכמעד)

פאַרלאַג „גראָשן־ביבליאָטעק"

ווארשע 1930

K. MOSZKOWICZ

MAHOMET

DRUK. „SPÓŁDRUK“ WARSZAWA
Długa 26. Telefon 260-19

כמעט אַ דריטע טייל פֿון דער מענטשהייט האָט אָנגענומען די רעליגיע, וואָס דער אַראַבישער קעמל־אָנטרייבער מאַכמעד (אויף אַראַביש — מוכאַמעד) האָט געפּרעדיקט מיט טויזנט פיר הונדערט יאָר צוריק אויף די מערק פֿון מעקאַ און מעדינאַ. מיט פֿייער און שווערד האָט זיך שפּעטער די נייע רעליגיע געמאַכט אַ וועג צווישן די פֿעלקער פֿון אַזיע, אַפֿריקע און טיילווייז — אייראָפּע. די דאָזיקע רעליגיע איז געוואָרן אַ מעכטיקער פּאָליטישער פֿאַקטאָר אין דעם לעבן פֿון אַ סך אַזיאַטישע פֿעלקער. די קליינע, צושפּליטערטע אַראַבישע שבטים זענען אין מיטלאַלטער אויסגעוואַקסן צו אַ גרויסער מלוכה, וועלכע האָט פֿאַרשפּרייט איר הערשאַפֿט אויך אויף אַ טייל פֿון אייראָפּעאישן קאָנטינענט, אויפֿן הייניקן שפּאַניע.

וועגן די שעפֿער פֿון אַנדערע רעליגיעס, ווי בודדאַ, משה, קריסטוס, זאַראַטוסטראַ, ווייסן מיר, אַז דאָס זענען געווען מענטשן געלערנטע, דענקער, אָבער וועגן שעפֿער פֿון איסלאַם קאָן מען דאָס נישט זאָגן. דער מענטש, וועלכער האָט באַהערשט די מוחות פֿון צענדליקער טויזנטער אַראַבער, דער מענטש, וועלכער האָט געגעבן דער וועלט אַ רעליגיע, וואָס אירע אָנהענגער ציילן זיך אין די הונדערטער מיליאָנען, אָט דער דאָזיקער מענטש האָט אַפֿילו נישט געקאָנט לייענען און שרייבן.

די אַראַבער פֿון יענער צייט זענען געווען געצנדינער. מ'האָט אַפֿילו געבראַנגט מענטשלעכע קרבנות צו די געטער און ווען ביי אימיצן פֿלעגט געבוירן ווערן אַ גרעסערע צאָל מיידלעך, ווי יונגלעך, פֿלעגט מען די נייגעבוירענע מיידלעך לעבעדיקערהייט באַגראָבן. די גרעסטע הייליקייט איז געווען (און איז נאָך אויך היינט ביי די מוסולמענער) דער פּירקאָנ־

טיקער שטיינערנער טעמפּל קאַאַבאַ אין דער שטאָט מעקאַ. באַזונדערס הייליק איז געווען דער שוואַרצער מעטעאָריטשטיין, וואָס איז איינגעמויערט אין אַ וואַנט פֿון דער קאַאַבאַ. דעם דאָזיקן מעטעאָריט האָט מען געהאַלטן פֿאַר אַ גאָט און אַלע קליינע דריי הונדערט אַראַבּישע געטער זענען געווען אונטער זיין הערשאַפֿט.

אין מאַכמעדס צייטן האָט שוין אָבער דאָס געצנדינערייפֿון די אַראַבער געהאַלטן ביים אָפּשטאַרבן. אונטער׳ן איינפֿלוס פֿון דער יידישער און קריסטלעכער רעליגיע האָבן אַ סך אַראַבער אָנגעהויבן צו גלויבן אין דער עקזיסטענץ פֿון אַן איינציקן גאָט (מאָנאָטעאיזם). מיטן גוסס פֿון געצנדינערײ האָט זיך צווישן די אַראַבער אָנגעהויבן אַ מין רעליגיעזע בלאָנדזשעניש. די רעליגיעס פֿון יידנטום און קריסטנטום זענען פֿאַר זיי נישט געווען אָננעמבאַר צוליב דעם ספּעציפֿישן שטייגער פֿון זייער לעבן און טראַכטן. ווי מיר זעען, איז דער באָדן פֿאַר אַ נייער רעליגיע שוין געווען צוגעגרייט. עס האָט נאָר געדאַרפֿט קומען אַ שטאַרקע פּערזענלעכקייט און פֿאַרזייען די קערנדלעך פֿון אַ נייעם גלויבן.

מאַכמעד איז נישט געווען קיין געבילדעטע טיף־דענקערישע פּערזענלעכקייט. ער איז אָבער געווען אַ וויזיאָנער, אַ פֿאַנטאַסט, אַ מענטש מיט אַ געוואַלדיקער איינבילדונגס־קראַפֿט. אויף די טרוימערישע מענטשן פֿון מזרח האָט ער דעריבער געקאָנט האָבן אַ גרויסע ווירקונג. און ס׳איז נישט קיין וואונדער, וואָס זיינע דערציילונגען וועגן געטלעכע חלומות און וויזיעס האָבן געפֿונען אַן אָפּקלאַנג ביי די אַראַבּישע שבטים, וועלכע האָבן געזוכט אַ נייעם רעליגיעזן אָנהאַלט פֿאַר זייערע נשמות. גלייכצייטיק האָט מאַכמעד אויך פֿאַרמאָגט אַ חוש פֿאַר פּראַקטישע זאַכן און פֿאַרשטאַנען צוצופּאַסן זיין תורה צו די לעבנס־באַדערפֿענישן פֿון זיינע אַראַבּישע ברידער. זיין רעליגיע איז דעריבער מער אַן ערדישע, ווי אַ הימלישע. אפֿילו אויף יענער וועלט זאָגט ער צו זיינע גלויביקע אַ האַרעם מיט שיינע ווייבער.

ארום זיין לעבן האבן די מוסולמענער געשאפטן זייער א סך לעגענדעס. ס׳איז פארשטענדלעך, אז די גלויביקע האבן געמוזט באצירן דאס לעבן פון זייער נביא מיט וואונדער און מעשיות. מיר אבער וועלן זיך באמיען אפצוטיילן די אלע לעגענדעס, אויף וויפיל דאס איז מעגלעך ביי אזא געשטאלט, ווי מאכמעד און וועלן געבן פאר אונזערע לעזער דעם שעפער פון איסלאם אזוי, ווי עס שילדערן אים די ריין היסטארישע פאקטן.

.1

אין דעם זעקסטן יארהונדערט נאך קריסטוס געבוירט האט אין דער שטאט מעקא, וואס ליגט אין דעם פרוכטבארן אראבישן לאנד תימן, געוואוינט אן ארימער גאסן־הענדלער אבדאלא מיט זיין ווייב אמינא. ער האט אפילו געהערט צו דעם שטארקן און רייכן שבט קארייש יטן, געווען א מיטגליד פון דער רייכער משפחה כאשים, אבער אליין איז ער געווען א גרויסער ארימאן און קוים געקאנט דערנערן זיין פאמיליע. אין מערץ 570 איז אבדאלא געשטארבן, איבערלאזנדיק זיין פרוי א שוואנגערע. אין א חודש ארום נאך אבדאלאס טויט האט אמינא געבוירן א זון און אים א נאמען געגעבן מוכאמעד. דאס איז געווען דער קינפטיקער שעפער פון איסלאם, מאכמעד.

די קינדהייט פון מאכמעדן איז געווען זייער א טרויעריקע. צו זעקס יאר איז אים אפגעשטארבן די מוטער און ער איז געבליבן א קיילעכדיקער יתום. אויף אים האט זיך דאמאלס מרחם געווען זיין זיידע אבד־על־מוטאליב און אים אריינגענומען צו זיך אין הויז. דער יונגער מאכמעד האט דארטן געלעבט צוויי יאר. דער זיידע האט אים אויסגענוצט צו כלערליי שווארצע ארבעט און אים שטארק געפייניקט. איינמאל איז געקומען צום זיידן צו גאסט מאכמעדס פעטער אבו־טאליב. דאס אכטיעריקע יונגל האט זיך שטארק אנגע־

חויבן צו סלאָגן פאָרן פעטער, אַז דער זיידע באַהאַנדלט אים פּונקט, ווי אַ געקויפטן שקלאַף.

— אויב ער וועט מיך אַזוי מאַטערן, וועל איך פון אים אַנטלויפן — האָט מאַכמעד דערקלערט.

— קום זשע צו מיר, מוכאַמעד, — האָט אים דער פעטער צוגערעדט. — ביי מיר וועסטו נישט האָבן קיין שווערע אַרבעט. וועסט נאָר דאַרפן אַכטונג געבן אויף די קאַראַוואַנען, וואָס איך פיר קיין סיריע. ביזטו איינשטימיק?

מאַכמעד האָט זיך מיט פרייד אָנגעכאַפּט אָן דעם דאָזיקן פאָרשלאָג. ער האָט אָבער געוואוסט, אַז אויב דער זיידע וועט נישט מסכים זיין אים אָפּצולאָזן, וועט דער פעטער אַבו־טאַליב נישט וועלן מיט אים איינרייסן און אַלץ וועט ווידער בלייבן ביים אַלטן. ווי אַזוי מאַכט מען, אַז דער זיידע זאָל וועלן פון מאַכמעדן פּטור ווערן?

יוויזן האָט זיך טאַקע, אַז דער אַכזריותדיקער זיידע האָט דאָס יונגל נישט געוואָלט פריי לאָזן, ווייל ער איז געווען זייער אַ פּעאיקער און מער אויפגעטון, ווי דריי שקלאַפן צוזאַמען. דאַמאָלס האָט דער פעטער אים געגעבן אַן עצה, אַז ער זאָל זיך מאַכן קראַנק און געזאָגט:

— איך וועל דאַמאָלס קומען און דיך צונעמען צו זיך קראַנקערהייט. דער זיידע וועט דיך זיכער נישט וועלן האַלטן ביי זיך. צו וואָס טויג אים אַ קראַנקער?

אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט דער יונגער מאַכמעד זיך מכלומרשט גענומען קאָרטשען פאַר ווייטאָק. דער זיידע האָט אים לכתחילה נישט געגלויבט און גענומען שלאָגן. אָבער ס'האָט גאָרנישט געהאָלפן. מאַכמעד האָט זיך אָוועקגעלייגט אויף דר'ערד און דריי טעג נישט גערירט זיך פון אָרט. דאַמאָלס איז געקומען אַבו־טאַליב און געזאָגט צום זיידן:

— צו וואָס זאָל דער קראַנקער פאַרנעמען ביי דיר אַן אָרט? ער קאָן דאָך שטאַרבן און דו וועסט אים דאַרפן מקבר זיין. גיב אים בעסער מיר. איינע פון מיינע ווייבער האָט אַזעלכע קרייטעכצער, וואָס וועלן אים אויסהיילן.

לאַנג האָט דער שטרענגער זיידע, אַבד־על־מוטאַליב, געטראַכט און ענדלעך געגעבן זיין הסכמה. אין דעם זעלבן טאָג האָט זיך שוין דער יונגער מאַכמעד געפונען אין הויז פון פעטער אַבו־טאַליב. ער איז געווען געזונט און פריש און געלאַכט פון דעם שפּיצל, וואָס ער האָט אָפּגעטון זיין זיידן.

דאָס לעבן ביים פעטער איז געווען אַ סך לייכטער און בעסער. פאַר מאַכמעדן האָט זיך איצט געעפנט אַ נייע וועלט. דער פעטער אַבו־טאַליב איז געווען אַ גרויסער סוחר און ערד־באַזיצער. אַבו־טאַליבס שווער־באַלאָדענע קאַראַוואַנען פלעגן זיך ציען קיין סיריע און מעסאָפּאָטאַמיע. ער האָט אויך פאַרמאָגט אַ סך שאָף און פי און געהערט צו די רייכסטע איינוואוינער אין מעקאַ. אין די ערשטע צייטן האָט מאַכמעד געפּאַשעט אַבו־טאַליבס שעפּסן. ער פלעגט אַרויספירן די סטאַדע אונטער מעקאַ, צווישן די קליינע בערגלעך האַראַ. דאָרטן פלעגט ער זיך אַוועקזעצן אין די בערג־שפּאַלטן און באַטראַכטן די אַרומיקע געגנט. די שיינע בערגיקע לאַנדשאַפט האָט גערייצט זיין איינגעבוירענע פאַנטאַזיע און ער פלעגט שפּעטער, ווי אַלע פּאַסטוכער, אַהיימטרייבן זיין סטאַדע. ער פלעגט וואַרטן ביז די שטערן זענען אויפגעגאַנגען און זיך לאַנג איינגעקוקט אין זייער געהיימניספולן שימערירן.

אַ לענגערע צייט האָט ער אַזוי געפּאַשעט אַבו־טאַליבס שאָף און רינדער. ער האָט זיך געפילט גוט אין דער איינזאַמקייט אויף די בערגיקע פעלדער אַרום מעקאַ. ביסלעכווייז איז אים אָבער נמאס געוואָרן אַזאַ לעבן. איינקוקנדיק זיך אין דעם וויטן האָריזאָנט, האָט ער שטענדיק מיט אַ פאַרכאַפּט געפיל באַטראַכט די לאָקנדיקע ווייטקייט. ער האָט זי געוואָלט דערגרייכן, געוואָלט דאָרטן זיין. און ווען ער איז אַלט געוואָרן דרייצן יאָר, איז ער געקומען צום פעטער און געזאָגט:

— אַבו־טאַליב, דו האַלטסט נישט דיין צוזאָג. דו האָסט מיך גענומען צו זיך, כדי צו טרייבן דיינע קעמלען קיין סיריע, אָבער אָנשטאָט דעם, האָסט מיך געמאַכט פאַר אַ פּאַסטוך.

האָט אים אַבו־טאַליב געענטפערט, אַז ער איז נאָך צו

יונג דערצו, אַז דער וועג איבערן זאַמדיקן מדבר איז פאַר אַזאַ יונגן בחור נאָך צו געפערלעך. מאַכמעד האָט אָבער זיך דערפון געפילט באַליידיקט. וואָס הייסט, ער איז אַ יונגער בחר? צי קאָן ער נישט רייטן אויף קיין קעמל? צי שרעקן אים דען די סאַמום־ווינטן אין דער מדבר? און צי וועט ער זיך דען נישט קאָנען אַנטקעגנשטעלן די גזלנים, וואָס באַפאַלן אויפן וועג די קאַראַוואַנען?

— פרוו מיך אויס, אַבו־טאַליב, — האָט ער געזאָגט, קושנדיק די פאָלע פון זיין פעטער, — פרוו מיך אויס, ווי מען פרוווט אויס אַ יונגן קעמל, ווען מען לייגט אויף אים דאָס ערשטע מאָל אַרויף אַ משא.

אַבו־טאַליב האָט זיך צוגעהערט צו די רייד פון דעם יונגן בחור און אים צוגעזאָגט, אַז ביי דער ערשטער נסיעה קיין סיריע וועט ער אים מיטשיקן מיט די קאַראַוואַנען סחורות.

מאַכמעדס פרייד איז געווען אָן לשער, ווען עס האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ לאַנגער ריי די מיט גרויסע משאות באַלאָדענע קעמלען גרייט אין דעם לאַנגן, שווערן וועג אַריין. די עלטערע קעמל־אַנטרייבער האָבן מיט חוזק אָנגעקוקט דעם שנעק, וואָס גייט זיך לאָזן אין אַזאַ ווייטער און געפערלעכער נסיעה. זיי האָבן אים עטלעכע מאָל געגעבן איבערן פנים מיט די בייטשן, אָבער ער האָט געשוויגן און כמעט נישט אַרויסגעוויזן קיין שום כעס. ער האָט זיי בלויז געוויזן, אַז ער איז רירעוודיקער און געשיקטער, ווי זיי און בעת דער קאַראַוואַן האָט גענומען רירן פון אָרט, איז ער געגאַנגען אין סאַמע שפיץ, ווי ער וואָלט געוואָלט באַווייזן, אַז דער אָנפירער פון קאַראַוואַן איז נאָר ער אַליין.

דער זאַמדיקער, אומענדלעכער מדבר האָט אין זיין עקזאַלטירטער נשמה אַרויסגערופן דערהויבענע שטימונגען. אים פלעגט זיך אָפט דוכטן, אַז ער הערט פון דערווייטנס עפעס געהיימניספולע שטימען און ביינאַכט פלעגט ער אין דער פינסטערניש זען שרעקלעכע געשטאַלטן. די קאַראַוואַנען־באַגליי־

טער פֿלעגן אָפֿט ווערן איבערגעשראָקן פֿון מאַכמעדס פּלוצלינגע אויסגעשרייען אין דער נאַכט־פֿינסטערניש.

— וואָס פֿאַר אַ רוחות האָבן דיך אַרומגענומען? — האָבן זיי געפֿרעגט.

— איך זע ווייסע רינדער, וועלכע לויפֿן גלייך אויף אונז.

אַלע האָבן זיך גוט אַרומגעקוקט און דערקלערט, אַז מען זעט נישט קיין שום ווייסע רינדער, אָבער מאַכמעד איז פֿעסט געבליבן ביי זיינס. ער האָט אָנגעוויזן מיט דער האַנט אין אַ באַשטימטער ריכטונג און געשריגן:

— איך זע רינדער, ווייסע קי און אָקסן לויפֿן גלייך צו אונז.

— ער מוז זיין קראַנק און רעדן פֿון היץ, דער קליינער! — האָבן די קאַראַוואַנען־באַגלייטער באַשטעטיקט.

ס׳זענען אַדורך טעג און נעכט און וואָכן, ביז מען איז אָנגעקומען קיין סיריע. דאָרטן האָט זיך דער יונגער מאַכמעד באַגעגנט מיט נייע מענטשן. דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן איז אים דאָ אויסגעקומען צו טרעפֿן מענטשן, וועלכע גלויבן נישט אין דעם שוואַרצן שטיין פֿון קאַאַבאַ, נאָר רעדן עפּעס וועגן אַ גאָט, וואָס געפֿינט זיך הויך צווישן די שטערן, דאָרט וואו די זון שיינט און די לבנה גייט אויף. ער האָט מיט נייגעריקייט אויסגעהערט זייערע רייד, באַטראַכט זייערע מנהגים, זיך צוגעהערט צו זייערע דערציילונגען וועגן פֿאַרשידענע העלדן און זיי מקנא געווען. ער האָט דאָ געטראָפֿן סיי יידן, סיי קריסטן. פֿון יעדן צד האָט ער געהערט דערציילן וואונדער־מעשיות. ער האָט זיך דערוואוסט וועגן דער עקזיסטענץ פֿון אַ משה און קריסטוס. אָבער פֿונדעסטוועגן איז דאָס אַלץ פֿאַר אים נישט געווען קלאָר. און צוריקוועגס, בעת דער לאַנגער נסיעה איבער די זאַמדן פֿון מדבר, האָט ער כסדר זיך געבראָכן דעם קאָפּ, כדי צו פֿאַרשטיין דעם אונטערשייד צווישן דעם גאָט, וואָס געפֿינט זיך אין דעם הייליקן שטיין פֿון קאַאַבאַ, און דעם גאָט, וועגן וועלכן עס האָבן אים דער

ציילט די יידן און די קריסטן פֿון סיריע... ער פֿלעגט אויף לאַנגע שעהן אָפּשטיין פֿון קאַראַוואַן, זיך אוועקזעצן אויפֿן וועג ערגיץ אין אַ הייל און זיך אָפּגעבן זיינע געדאַנקען. דערביי פֿלעגן אים באַפֿאַלן שרעקלעכע האַלוצינאַציעס. ער פֿלעגט דערזען בילדער פֿון געשטאָרבענע, פֿייערדיקע זיילן און אין ווילדער שרעק נעמען דאַמאָלס נאָכיאָגן דעם קאַראַוואַן.

אַזוי זענען פֿאַרביי עטלעכע יאָר. אין מאַכמעדס לעבן איז נישט פֿאָרגעקומען קיין שום ענדערונג. אַלע פּאָר חדשים פֿלעגט ער זיך לאָזן אין וועג אַריין. טיילמאָל פֿלעגט אויך מיטגיין דער פֿעטער זיינער, וועלכער איז די גאַנצע צייט געווען זייער צופֿרידן פֿון מאַכמעדס אויפֿפֿירונג. לויט ווי אַבו־טאַליב האָט זיך געקאָנט איבערצייגן, האָט מאַכמעד פּינקטלעך דערפֿילט אַלע רעליגיעזע, געצנדינערישע צערעמאָניעס. ער האָט אָנטייל גענומען אין די פּראָצעסיעס, וואָס די אַראַבער פֿלעגן מאַכן אַרום דער קאַאַבאַ און בוקן זיך און קושן דעם שטיינערנעם גאָט. אָבער איין זאַך האָט אַבו־טאַליבן שטאַרק פֿאַרוואונדערט: וואָס מאַכמעד גייט אָפּט אַרום אַזאַ פֿאַרטראַכטער און ענטפֿערט אַ סך מאָל נישט צו דער זאַך. און איינמאָל האָט זיך אַבו־טאַליב שטאַרק דערשראָקן, ווען ער האָט געזען, ווי מאַכמעד מאַכט שרעקלעכע געוואַלדן פֿון שלאָף.

— אַ בייזער גייסט האָט געמוזט אַריין אין דיין נשמה! — האָט ער געזאָגט.

— יאָ, שוין פֿון אַ לענגערער צייט פֿיל איך, ווי עפּעס אַ פֿרעמדע זאַך רעדט אַרויס פֿון מיר! איך וועל מוזן גיין בעטן צו דער קאַאַבאַ — האָט מאַכמעד געענטפֿערט.

— ער איז אַן עלע־מין (אַ גלויביקער), — האָט אַבו־טאַליב געזאָגט צו זיינע פֿריינט, ווען מ׳האָט גערעדט וועגן מאַכמעדן.

איינמאָל האָט מאַכמעד, בעת זיינע אָפּטע נסיעות קיין סיריע, אָנגעטראָפֿן אויפֿן וועג אַ קליין, נידעריק הייזעלע, געקלעפּט פֿון ליים. ער איז געוואָרן זייער נייגעריק און זיך גע־

וואָלט דערווּיסן, ווער עס וואוינט אין דעם דאָזיקן ענגן שטיבל, אין אַזאַ פאַרוואָרפן אָרט, כּמעט אין דער טיף פון מדבּר. ער האָט זיך אָפּגעטיילט פון דעם קאַראַוואַן, האָט זיך דערנענטערט צו דעם לײמענעם הײזעלע, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ קײלעכדיק לאָך, אָנשטאָט אַ פענסטער, און אָנגעקלאַפּט.

די טיר האָט זיך געעפנט און ס׳האָט זיך באַוויזן אַן אַלטער מאָנאַך, אַ קריסטלעכער נזיר, וועלכער האָט זיך אויסבּאַהאַלטן אין דער מדבּר. אין יענער צייט פלעגט מען טרעפן אויף די וועגן אַ סך אַזעלכע קריסטלעכע אַסקעטן, וועלכע פלעגן מיט אָפּטע תּעניתים און תּפילות אָפּלעבן דאָס גאַנצע לעבן. דער גרייז־גרויער מאָנאַך האָט אים מיט חשד אָנגעקוקט און מיט אַ שטרענגער שטים אַ פרעג געטון:

— וואָס ווילסטו פון מיר? איך פאַרמאָג גאָרנישט.

— איך ווייס, אַז דו פאַרמאָגסט גאָרנישט, — האָט מאַכמעד געענטפערט, — איך האָב נישט בּדעה בּיי דיר עפּעס צוצונעמען. אָבער איך וויל וויסן, פון וואַנען דו לעבסט און מיט וואָס דו דערנערסט זיך. אַרום דיר איז דאָך נישטאָ קײן אײן לעבעדיקער מענטש.

— גאָט שפּייזט מיך און מיט זײן חסד לעב איך.

— ווי אַזוי קאָן ער שפּייזן, אַז ער איז ווייט? דו רעדסט נאַרישקײטן! — האָט מאַכמעד אויסגערופן, — איך האָב שוין פיל מאָל געהערט רעדן וועגן דעם דאָזיקן גאָט און איך קאָן נישט פאַרשטײן, וואָס ער איז אַזעלכעס. ווייז מיר אים, איך וויל אים זען!

דער גרייז־גרויער אַסקעט האָט נערוועז אַ שאָקל געטון מיט זײן לאַנגער באָרד און אָנגעהויבּן צו דערציילן מאַכמעדן וועגן די עיקרים פון דער קריסטלעכער רעליגיע. מאַכמעד האָט אים אַלע מינוט איבּערגעריסן מיט פאַרשידענע קשיות און ענדלעך האָט ער געזאָגט:

— איך מוז אים זען! ער מוז זיך צום ערשטן צו מיר באַווייזן און דאַמאָלס וועל איך גלויבּן אין אים.

— דו רעדסט זייער קלוגע ווערטער, מײן זון, — האָט

דער מאָנאַך געזאָגט, — איך זע פּאָר, אַז דיין צוקונפט וועט זיין גרויס און רייך אין העלדישע מעשים. ווי רופט מען דיך און פון וועלכן לאַנד קומסטו?

— מיין נאָמען איז מוכאַמעד, איך קום פון מעקאַ. זאָג זשע מיר דיין נאָמען, אַלטער.

— מיין נאָמען איז באַהירא און איך זאָג דיר נאָכאַמאָל, מיין זון, אַז דו וועסט באַרימט ווערן צווישן די פעלקער. געדענק וועגן דעם.

— איך בין דאָך אַ קעמל־אַנטרייבער, אַלטער, צי גלויבסטו, אַז דער זון פון אָרימען אַבדאַלאַ, וואָס איז געשטאָרבן נאָך איידער איך האָב געגעבן דעם ערשטן געשריי אויף דער וועלט, זאָל ווערן אָנגעזעען צווישן די פעלקער? איך בין צו אָרים דערצו.

פונדעסטוועגן האָבן אים די רייד פון אַלטן מאָנאַך נישט צורו געלאָזט. האָט ער זיך געלאָזט לויפן, כדי אָנצויאָגן דעם קאַראַוואַן. אין קאָפּ האָט זיך אים גענומען מישן. ער איז געלאָפן אין טיפן זאַמד, אַרויסשלעפנדיק מיט מאַטערניש די פיס פון די טיפע זאַמד־גריבער און ווען ער האָט דערגרייכט דעם קאַראַוואַן, איז ער אַנידערגעפאַלן און אָנגעהויבן זיך צו וואַרפן מיטן גאַנצן קערפּער. די קאַראַוואַן־באַגלייטער האָבן מיט שרעק דערזען, ווי מאַכמעד פאַרגלאָצט די אויגן, הענט, פיס און קאָפּ צאַפּלען אין אַ שרעקלעכער קאָנוואַולסיע, אויף די ליפּן גייט אַרויס פון מויל אַ גרויסע שוים און אויפן שטערן טרעטן אַרויס טראָפּנס שווייס.

— דאָס האָבן זיך אין אים שדים באַזעצט! — האָבן די קעמל־אַנטרייבער אויסגערופן, — לאָמיר אים דאָ איבערלאָזן. ס׳איז אַ מורא אים מיטצונעמען.

אָבער איינער פון זיי, אַלי־כאַסאַן, האָט אויף מאַכמעדן רחמנות באַקומען און דערקלערט, אַז אויב מ׳וועט דעם קראַנקן פאַרלאָזן, וועט דער גאָט פון קאַאַבאַ בייז ווערן און זיך נוקם זיין. אַלי־כאַסאַן האָט געעצהט, אַז מ׳זאָל מאַכמעדן אַרויפלייגן אויף אַ קעמל און אַזוי אים פירן אַהיים. ווי נאָר מ׳האָט אים

גענומען אויף די הענט, האָט זיך מאַכמעד נאָך שטאַרקער אָנגעהויבן צו וואַרפן. ער האָט באַקומען אַזעלכע שטאַרקע קאָנוואולסיעס, אַז די קעמל־אָנטרייבער האָבן זיך שרעקלעך דערשראָקן און אים צוריק אַראָפּגעוואָרפן אין זאַמד.

מאַכמעד האָט באַקומען זיין ערשטן עפּילעפּטישן אָנפאַל. פון איצט אָן פלעגט ער פון צייט צו צייט באַקומען דעם דאָזיקן אַטאַק, הויפּטזעכלעך דאַמאָלס, ווען ער פלעגט איבערלעבן עפּעס אויסערגעוויינלעכס, וואָס האָט אויפגערודערט זיין גאַנצן נערוון־סיסטעם. און איידער עס פלעגט אים באַפאַלן דער עפּילעפּטישער ספּאַזם, האָט ער אָנגעהויבן צו זען פאַרשידענע בילדער, פלעגן זיך שאַפן אין זיין דמיון אומגעהויערע האַלוציניאַציעס. נאָכן צוריק קומען צום באַוואוסטזיין, האָט מאַכמעד דערציילט, אַז דער אַלטער מאָנאַך האָט אים נאָכגעיאָגט און ריזיקע זיילן שטויב האָבן אים געשיצט פון אַלטנס שאַרפער שווערד.

אַהיימקומענדיק איז מאַכמעד עטלעכע טעג געלעגן אין פיבער, גערעדט פון דער היץ און כסדר איבערגעחזרט, אַז מען יאָגט אים נאָך. קיין דאָקטוירים זענען אין יענער צייט נישט געווען, האָט מען דעריבער דעם קראַנקן געהיילט מיט פאַרשידענע אָפּשפּרעכונגען און קמיעות. און ווען מאַכמעד איז געזונט געוואָרן, האָט זיין פעטער אַבו־טאַליב צו אים אַזוי געזאָגט:

— הער, מוכאַמעד, ווי איך זע, האָבן די בייזע גייסטער זיך באַזעצט אין דיין נשמה. דו דאַרפסט תפילה טון, דו דאַרפסט האָבן רו. אין מעקאַ וואוינט דיינס אַ ווייטע קרובה, איז זי גרייט דיך צו נעמען צו זיך. זי איז אַן אַלמנה, איר מאַן איז נישט לאַנג געשטאָרבן. אָבער זי איז רייך גענוג. דו וועסט ביי איר נישט דאַרפן אַרבעטן שווער, ווייל זי האָט גענוג שקלאַפן.

— איז זי נאָך יונג, אַבו־טאַליב? — האָט מאַכמעד געפרעגט.

— צו וואָס דאַרפסטו עס וויסן, דו גייסט דען זי נעמען

פאַר אַ ווייב? זי איז אַלט פערציק יאָר, אָבער נאָך גענוג שיין און געזונט, כדי צו געפעלן אַ מאַן.

מאַכמעד איז שוין איצט אַלט געווען פיר און צוואַנציק יאָר. במשך פון דער גאַנצער צייט פון זיין יוגנט האָט ער גע־טריבן די קעמלען אין דער מדבר און זיך אינטערעסירט מיט רעליגיעזע פראַגן. קיין איינער פון זיינע ביאָגראַפן דערמאָנט נישט, אַז בעת דער דאָזיקער עלטער זאָל ער האָבן געהאַט וועלכע ס'איז באַצ אונגען מיט אַ פרוי. דער מענטש, וועלכער האָט כסדר געוואַנדעו'ט אין די הייסע מדבריות און זיך גע־פלאָגט מיט געדאַנקען וועגן גאָט און געטלעכקייט, וועלכער האָט כסדר געפירט ויכוחים מיט יידן און קריסטן, אַנשטאָט, ווי אַנדערע קעמל־אַנטרייבער, צו באַזוכן די לעב־הייזער אין סיריע און מעסאָפּאָטאַמיע, אַזאַ מענטש האָט געמוזט זיין אָפּגעזונדערט פון דער פרויען־וועלט. צו יענער צייט האָבן יונגעלייט אין זיין עלטער שוין געהאַט פרויען און קינדער, אָבער דער עפּילעפּטישער, קראַנקהאַפטער פאַנטאַסט האָט קיינמאָל וועגן קיין פרוי נישט געטראַכט. און איצט, ווען אבו־טאַליב האָט אים דערציילט וועגן דער אַלמנה, וועלכע איז גרייט אים צו נעמען צו זיך אַלס פאַרוואַלטער אין אירע מס־חרים, האָט זיך אין מאַכמעדן פלוצלינג דערוועקט דער מאַן. ער האָט, אפשר, דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן אַ פרוי.

— ווי רופט מען זי? — האָט ער געפרעגט.

— כאַדידזשיא. קום, שטיי אויף פון דיין געלעגער, מו־כאַמעד. מיר וועלן גיין צו איר און דו וועסט זי באַגריסן.

## 2.

כאַדידזשיא האָט געהאַט אַ שם אין מעקאַ אַלס איינע פון די קלוגסטע פרויען. נישט געקוקט אויף אירע פערציק יאָר, האָבן נאָך אירע אויגן געברענט מיט גלוסטונג און באַ־גער און אויף אירע פולע באַקן האָט נאָך געשפּילט די רויט־

קייט פון ווייבלעכער צייטיקייט. זי האט געהאט פעך־שווארצע האר, וועלכע זענען געווען פארפלאכטן אין צוויי דיקע צעפ. א קלייד פון רויטן סאמעט האט ארומגענומען אירע רונדע, פרישע גלידער און אויף איר פנים האט גערוט א קלוגער שמייכל, אין וועלכן ס׳איז געלעגן פארבארגן א שטילע ליידנ־שאפט. כאדידזשיא האט געלעבט מיט איר מאן דרייסיק יאר (צען יאר איז זי אלט געווען צו דער חתונה) און קיין קינדער מיט אים נישט געהאט. ער איז געשטארבן, איבערלאזנדיק איר זיין גאנץ פארמעגן, וואס איז באשטאנען פון א סך ערד און שאף און רינדער. זייענדיק איינמאל ביי אבו־טאליב, האט זי באמערקט מאכמעדן זיצן א פארטראכטן. ער האט אפילו אויף איר קיין בליק נישט געווארפן. דער דאזיקער יונגערמאן איז איר שטארק געפעלן געווארן. זי האט דעריבער פארגע־לייגט אבו־טאליבן, אז מאכמעד זאל ווערן דער פארוואלטער פון אירע מסחרים, ווייל זי פלעגט שיקן קאראוואנען מיט סחורה קיין סיריע און אפילו קיין ביזאנטיע. אבו־טאליב האט זיך אבער אפגעזאגט דערפון, ווייסנדיק, אז מאכמעד ברענגט אים א סך נוצן און איז אים זייער געטריי. אבער, זעענדיק, אז דער קרוב זיינער ליידט אויף אזא שרעקלעכער קראנקהייט, וועלכע האט אפילו אויף אים, אבו־טאליבן, אנ־געווארפן א שרעק, האט ער געפונען א גוטע געלעגנהייט פטור צו ווערן פון מאכמעדן.

כאדידזשיא איז געזעסן אויף בלויע זיידענע קישעלעך און ארויסגעקוקט אין איר גארטן אריין. דער טאג איז געווען א הייסער, אבער פון דעם גארטן מיט די שאטנדיקע פאל־מען און פאמעראנצן־ביימער האט אריינגעבלאזן א דופטנדיק, קיל ווינטל, וואס האט פארשיכורט און געגלעט די פאר־טראכטע כאדידזשיא. זי האט געקוקט אויף די ביימער און געטראכט, אז איר קערפער איז נאך פריש און איר לייב — וויס, ווי דער שניי אויף די בארג־שפיצן און דאס בלוט גלי־ענדיק, ווי די שטיינער אונטער דער זון. איר קערפער האט אויפגעצאפלט, ווען זי האט דערזען אין גארטן מאכמעדן מיט

אבוּ־טאַליבן. „זאָל ער האָבן מסכים געווען?“ האָט זי געטראַכט און איר הויכער בוזעם האָט זיך אָנגעהויבן צו כוואַליען אַרויף און אַראָפּ.

אבוּ־טאַליב האָט זיך לייכט פאַרנויגט, אָבער מאַכמעד האָט זיך אַראָפּגעבויגן ביז צו דער ערד און אַ קוש געטון דעם זוים פון כאַדידזשיאַס קלייד. דערנאָך האָבן זיי זיך אָוועקגעזעצט אויף דער ערד און עס האָט זיך אָנגעהויבן דער שמועס. אבוּ־טאַליב האָט דערקלערט, אַז ער איז גרייט צו באַפרייען מאַכמעדן, גלויבנדיק, אַז ביי כאַדידזשיאַן וועט זיך דער קרוב זיינער פילן אַ סך בעסער, ווי ביי אים.

— ביי מיר האָט ער שווער געאַרבעט, — האָט ער געזאָגט, — און ביי דיר וועט ער מער אָפּרוען.

און געבליבן איז, אַז מאַכמעד בלייבט ביי כאַדידזשיאַן אין הויז. אין די ערשטע וואָכן האָט זי אים נישט געלאָזט אַרבעטן. ער איז פריי אַרומגעגאַנגען אין איר שיינעם גאָרטן און דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן גענאָסן פון פולער פרייהייט. זי האָט אים דערציילט וועגן זיין פאָטער, וועלכן ער האָט נישט געקענט, וועגן דער יחוסדיקער משפחה, פון וועלכער ער שטאַמט, און זיך באַצויגן צו אים נישט ווי צו אַ געדונגענעם מענטש, נאָר ווי צו אַ נאָענטן פריינט, וועלכן מ׳האָט ליב. זי האָט אָבער זיך געשעמט אים אַרויסצוווייזן אירע אמתע געפילן. זי האָט געוואוסט, אַז אַלע אירע קרובים, די אָנגעזעענע לייט פון מעקאַ, וועלן דאַמאָלס זי פאַרדאַמען. דאָס איז געווען קעגן די אָנגענומענע כּללים אין דעם רייכן שבט קאָריישיטן, צו וועלכן זי האָט געהערט. מאַכמעד האָט טאַקע געשטאַמט פון דעם זעלבן שבט, אָבער ער איז דאָך געווען אָרים, אַ געוויינלעכער קעמל־אַנטרייבער. זי האָט דעריבער אַ געוויסע צייט דערשטיקט אירע געפילן און אָנגעהויבן צו געבן מאַכמעדן אַרבעט.

זי האָט אים עטלעכע מאָל געשיקט מיט אירע קאַראַוואַנען קיין סיריע, געהייסן אים פירן די גאַנצע בעל־הבתישקייט פון איר ווירטשאַפט און זיך באַמיט צו שפּילן לגבי אים די

ראָל פון אַ האַרין לגבי איר משרת. פון צייט צו צייט פלעגט זי וואַרפן אויף אים אַ בליק פול מיט גלוסטונג, אָבער מאַכמעד האָט דעם דאָזיקן בליק נישט באַמערקט, ווייל ער האָט אויף איר ווייניק געקוקט און בעת ער האָט געהאַט אַביסל פרייע צייט, פלעגט ער גיין צו דער הייליקער קאַאַבאַ, אָדער זיצן אין כאַדידזשיאַס גאָרטן און באַטראַכטן דעם הימל מיט די אומצייליקע שטערן. מיט זיין האַרינטע האָט ער זעלטן געשמועסט און פלעגט ער אַמאָל דערפילן נאָנט דעם פאַרשיכורטן ריח פון איר לייב, האָט ער תיכף פאַרלאָזט דאָס צימער און אַנטלאָפן אין אַ ווינקל פון גאָרטן. ער האָט דאַמאָלס געטראַכט וועגן די געשפּרעכן, וואָס ער האָט געפירט מיט די יידן און קריסטן און דערביי זיך געוואונדערט, וואָס כאַדידזשיאַס אָנוועזנהייט מאַכט אים אויפּציטערן, פּונקט ווי די טראַכטענישן וועגן דער געטלעכקייט, וואָס איז פאַר אים נאָך אַלץ נישט קלאָר. ער האָט זיך דאַמאָלס נישט אָפּגעגעבן קיין דין וחשבון, אַז ער וועט ליב באַקומען די דאָזיקע פרוי, מיט דער זעלבערליידנשאַפט, ווי ער האָט שפּעטער ליב געהאַט אַללאַה... ס'האָט נאָר געדאַרפט קומען עמיצער און אויפשטאָפּן דעם קוואַל פון גלוסטונג נאָך ווייבלעכן תענוג, וואָס האָט באַהאַלטענערהייט געשטורעמט אין זיין נשמה. און געקומען איז די פערציק־יעריקע כאַדידזשיאַ און דעם קוואַל געעפנט.

ס'איז געווען דער יום־טוב פון פרילינג. פון אַלע עקן לאַנד איז מען געקומען עולה־רגל זיין קיין מעקאַ. ווייל די קאַאַבאַ און דער „שוואַרצער שטיין" זענען געווען פאַרהייליקט ביי די אַראַבער פאַר מאַכמעדן. די שטאָט איז פול געווען מיט אַ פאַרשידנפאַרביק געקליידעטן עולם. אויך מאַכמעד האָט זיך אָנגעטון אין זיינע יום־טוב־קליידער און איז געגאַנגען צו דער קאַאַבאַ. כאַדידזשיאַ איז איינגעשטיגן אין אַ ספּעציעל געצעלט, וואָס איז אַרויפגעשטעלט געוואָרן אויף אַ קעמל און אַ דינער האָט זי באַגלייט ביז צום הייליקן טעמפּל. צוריקקערנדיק זיך, האָט זי דערזען, ווי מאַכמעד גייט אַ מידער איבער

די גאַסן פון מעקאַ, זיינע פיס זענען פול מיט שטויב און זיין געזיכט פאַרשוויצט. זי האָט אים איינגעלאַדן צו פאַרנעמען אַן אָרט נעבן איר אין דעם טונקעלן געצעלט, וואָס האָט זיך געוויגט אויף די צוויי הויקערס פון קעמל. מאַכמעד האָט זיך געוואונדערט, ווי וואַגט דאָס אַ פאָרנעמע האַרין פאַר אַלעמען אין די אויגן, אויף דער גאַס, איינצולאַדן צו זיך אין געצעלט אירס אַ דינער? ער האָט זיך אומגעקוקט און געזען, ווי אַלע פאַרבייגייער וואַרפן בליקן פול מיט פאַרוואונדערונג אויף דעם בלויען געצעלט פון כאַדידזשיאַ. ער האָט אָבער זיין האַרין. נישט געקאָנט אָפּזאָגן און איז איינגעשטיגן.

— איך האָב נישט געקאָנט זען דיין מיד געזיכט, — האָט זי געזאָגט און אים אָנגעקוקט מיט אַזעלכע בליקן, אַז מאַכמעד האָט זיינע אויגן אַראָפּגעלאָזט.

דער קעמל האָט געשטעלט זיינע רואיקע טריט דורך זייטיקע געסלעך. כאַדידזשיאַ האָט זיך נישט געדאַרפט צובויגן צו מאַכמעדן, זי איז געזעסן נעבן אים אַזוי נאָנט, אַז זייערע ביידנס קערפּער האָבן זיך באַרירט. זי האָט געפילט, ווי דאָס בלוט ריזלט אין זיינע אָדערן און זיך קעגן איר אייגענעם ווילן פעסטער צו אים צוגעטוליעט.

מאַכמעד האָט דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן דערפילט אַ ציטער, וואָס האָט אים אָנגעפילט מיט אַ זיסער, האַלב־פאַרהלשטער ווארימקייט. ער האָט זי אָנגעכאַפּט ביי די הענט און מער פון פאַרוואונדערונג, ווי פון שרעק, אויסגערופן:

— כאַדידזשיאַ, האַרין!

דאַמאָלס האָט זי אים אַרומגענומען. ער האָט דערפילט, אַז אים פאַרפעלט אָטעם, אים האָט זיך געדוכט, אַז ער באַקומט ווידער אַן אַטאַק פון עפּילעפּסיע. כאַדידזשיאַ האָט אים געדרוקט צו איר הייסן קערפּער. מאַכמעד האָט דאָס ערשטע מאָל דערפילט די גרויסע קראַפט פון דער פרוי, אַ קראַפט, פון וועלכער ער וועט זיך שוין קיינמאָל נישט קאָנען באַ־

פרייען און, וואָס וועט שפּעטער פאַרנעמען אַזאַ אָנגעזען אָרט אין דעם לעבן פון אַלע זיינע גלויביקע.

ווען כאַדידזשיאַ מיט מאַכמעדן זענען געקומען אַהיים, איז יעדער פון זיי אַוועק אין אַ באַזונדער צימער. כאַדידזשיאַ האָט זיך געשעמט צו באַגעגענען מיט איר דינער, וועלכן זי האָט אַזוי ליידנשאַפטלעך געקושט. ס'איז אָנגעקומען די נאַכט, אַ ליכטיקע, זילבערנע נאַכט אין מזרח, ווען אַלץ איז געווען אָנגעפילט מיט צוגאָסענעם זילבער. כאַדידזשיאַ איז געלעגן אין איר שלאָפצימער אויף אַ בעט פון העל-בלויען בראָקאַט, זי איז געלעגן נעבן אָפענעם פענסטער, וואָס איז אַרויסגע-גאַנגען אין גאָרטן. כאַדידזשיאַ איז נישט געשלאָפן. זי האָט פאַרנומען דעם סודותפולן גערויש פון די פּאַלמען און איינגע-אָטעמט דעם דופט פון די אָראַנזשן-בוימער. די לבנה האָט אַריינגעשיינט אין צימער און באַגאָסן איר בעט מיט אַ העל-בלויער ליכטיקייט, וועלכע האָט נאָך בולטער געמאַכט די העלע בלויקייט פון איר געלעגער. אירע ווייסע הענט האָבן געלויכטן, ווי צוויי מאַרמאָר-זיילן. זי איז געווען אַליין אין דער דאָזיקער פרילינגס-נאַכט. קיין מאַן האָט נישט געטיילט מיט איר דאָס געלעגער...

און פּלוצלינג האָט זי דערהערט אַ געראויש צווישן די בוי-מער. זי האָט דייטלעך אונטערגעשיידעט באַרוועסע טריט. ווער קאָן דאָס גיין אין גאָרטן אַזוי שפּעט ביינאַכט? אפשר גנבעט זיך צו איר אַ נאַכט-רויבער? זי האָט אָפּערגענומען פון אונטערן קישן דעם קינזשאַל, וואָס זי פּלעגט דאָרט האַלטן. די טריט האָבן זיך דערנענטערט. איבערן פענסטער האָט זיך באַוויזן אַ קאָפּ. זי האָט זיך איינגעקוקט און אויפגעציטערט אינגאַנצן.

— מאַכמעד?! וואָס איז דאָס? — האָט זי מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם אויסגעשריגן.

מאַכמעד איז אַריין דורכן פענסטער אין צימער און איז צוגעשפּרונגען צום בעט. ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן איבער

כאדידזשיאס קערפער און צוגעפאלן צו איר לייב, ווי א דורשטיקער פאלט־צו א קוואל מיט פריש וואסער.

זי האט אין דער ערשטער סעקונדע פארלוירן דאס באוואוסטזיין. זיין דערשיינען איז פאר איר געווען אזוי פלוצלינג, זיין צופאלן צו איר קערפער — אזוי איבערראשנדיק, אז זי האט פארלוירן די קלארקייט פון געדאנק. און ווען זי איז געקומען צו זיך, האט זי דערפילט, ווי מאכמעד האלזט זי ארום מיט א ברענענדיקער ליידנשאפט. צו אירע אויערן זענען דערגאנגען זיינע אפגעריסענע ווערטער:

— איך האב נישט געוואוסט... דו ביזט אזוי זיס, ווי די געטלעכקייט... דער ציטער פון מיין לייב אין דיין ליבּ... אזוי הייליק, ווי די קאאבא...

— — — — — — — — —

און געשען איז ווייטער דאס נאטירלעכע און פשוטע. כאדידזשיא האט נישט געקוקט אויף אירע קרובים און האט אין יאר 595 חתונה געהאט מיט מאכמעדן. ביז צום פערציקסטן יאר פון זיין לעבן האבן ביידע געלעבט רואיק און גליקלעך. די געשיכטע ווייסט אונז ווייניק צו דערציילן וועגן דעם דאזיקן פעריאד פון מאכמעדס לעבן. אין דער צייט, ווען מאכמעד האט חתונה געהאט מיט כאדידזשיאן, איז ער אלט געווען פינף און צוואנציק יאר און זי — פערציק. די גאנצע צייט פון זייער צוזאמענלעבן האבן זיי זיך שטארק ליב געהאט. מיטן פירן די געשעפטן פלעגט זיך מער אפגעבן כאדידזשיא, ווי מאכמעד. ער פלעגט ליב האבן צו זיצן אין זיין ווייבס גארטן און טראכטן וועגן די פראגן, וואס האבן אזוי אפט באשעפטיקט זיין מח: וועגן דעם איינציקן גאט, וואס זיין מהות איז פאר אים נאך אלץ נישט קלאר געווען.

במשך פון דער צייט האט אים כאדידזשיא געבוירן דריי זין און פיר טעכטער. די זין זענען אבער נאך קינדווייז געשטארבן און מער האט אים שוין כאדידזשיא קיין זכרים נישט געבוירן. מאכמעד האט דעריבער אריינגענומען צו זיך אין הויז זיין פעטערס זון אלי און א שיינעם יונגן שקלאף,

מיטן נאָמען זאַאיד. ער האָט זיי אַדאָפּטירט אַלס זיינע קינ־דער און זיי האָבן זיך גערופן איבן־מוכאַמעד, דער זון פון מאַכמעד.

ביזן יאָר 610 איז אין מאַכמעדס לעבן קיין שום ענדערונג נישט פאָרגעקומען. ער האָט געלעבט רואיק, גליק־לעך און צופרידן. ער האָט ווייניק געאַרבעט, שטענדיק געזעסן אין דעם פּרעכטיקן הויז פון זיין פרוי, די פּיס פאַרלייגט אונ־טער זיך און געשמועסט מיט די רייכע קאָריישיטן, זיין ווייבס קרובים, וועלכע האָבן שוין איצט באַוויליקט צו ווערן זיינע פריינט. פון צייט צו צייט פלעגט ער באַגלייטן די קאַראַוואַנען מיט סחורות, וואָס זיין פרוי פלעגט שיקן קיין סיריע אָדער ביזאַנטיע. אָבער דאָס מאָל פלעגט ער נישט טרייבן די קעמ־לען, ווי אַמאָל, נאָר זיצן אין אַ געצעלט, וואָס האָט זיך גע־וויגט אויפן הויקערדיקן רוקן פון אַ קעמל.

אָפט פלעגן פאַרביי חדשים און אפילו יאָרן, בעת וועלכע מאַכמעד האָט נישט געטראַכט מער וועגן די אַלע רעליגיעזע פראַגן, וואָס האָבן אַזוי שטאַרק פאַרנומען זיין מח אין דער יוגנט. ער איז צופיל געווען פאַרנומען מיט דעם פלוצלינגן גליק, וואָס כאַדידזשיאַ האָט אים געגעבן. ער איז אויך געווען פאַרנומען מיטן דערציען זיינע פיר טעכטער, וועלכע זענען געוואַקסן זייער געראָטענע און קלוגע. באַזונדערס האָט זיך אויסגעצייכנט זיין יונגסטע טאָכטער פאַטימאַ, וועלכע איז געווען אַזוי שיין, אַז מאַכמעד האָט זי מורא געהאַט אַרויס־צולאָזן פון שטוב, כדי מ׳זאָל זי נישט פאַנגען, ווי עס פלעגט אָפט געשען אין יענע צייטן מיט יונגע פרויען.

ס׳האָט זיך געקאָנט אויסדוכטן, אַז צו די עקזאַלטירטע בלאָנדזשענדיקע יוגנט־חלומות פון מאַכמעד האָט שוין גע־נומען אַן עק. ער איז שוין מער נישט אַרומגעגאַנגען אַזאַ פאַרטראַכטער און פאַרחלומטער, האָט שוין מער נישט גע־האַט אַזעלכע שרעקלעכע וויזיעס און אויך האָט זיך ביי אים במשך פון פופצן יאָר קיין איינמאָל נישט איבערגעחזרט דער עפּילעפּטישער אַטאַק. דאָס צוזאַמענלעבן מיט כאַדידזשיאַ

האָט פולשטענדיק באַרואיקט זיינע אויפגעברויזטע קראַנקע נערוון. ער האָט שוין נישט געטראַכט אַזויפיל וועגן די אַלע געטלעכע פראַגן, איבער וועלכע ער האָט זיך פריער געבראָכן דעם קאָפּ. אין דער פרייער צייט — און געהאַט האָט ער זייער אַ סך צייט, ווייל כאַדידזשיאַ האָט שוין געאַרבעט פאַר אים — פלעגט ער גיין צו כאַדידזשיאַס קרובים, אָדער זיצן אויף דער ערד, אונטערגעשפּאַרט אונטער זיך די פיס און דערציילן זיינע טעכטער, וואָס ער האָט געזען אין די ווייטע לענדער, און ווייטע לענדער האָבן ביי אים געהייסן — סיריע און מעסאָפּאָטאַמיע.

אַזוי זענען פאַרביי פופצן יאָר. און וואָלט מאַכמעד דאַמאָלס געשטאָרבן, וואָלט זיין נאָמען קיינמאָל נישט דערמאָנט געוואָרן אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. אָבער אָט איז געשען אַ פאַל, וואָס האָט ווידער אַ שטורם געטון מאַכמעדן אויפן וועג פון זיין רעליגיעזן זוכן. דאָס מאָל אָבער האָט ער שוין דערפילט אין זיך מער כח און זיכערקייט. ער האָט אָנגעהויבן אין זיך צו גלויבן און זיך איינגערעדט, אַז אים איז אָנגעוויזן געוואָרן מן־השמים אויסצופירן אַ וויכטיקע מיסיע.

אין דעם חודש ראַמאַדאַן, אין יאָר 610, איז מאַכמעד אַרויס אויף אַ שפּאַציר אונטער מעקאַ. ער איז געגאַנגען איבער די בערגלעך, וואָס רינגלען אַרום די שטאָט און זיך דערמאָנט אָן זיינע יונגט־יאָרן, ווען ער פלעגט דאָ זיצן און טראַכטן וועגן דער געטלעכקייט און איר מהות. דער טאָג איז געווען זייער אַ הייסער, מאַכמעד איז מיד געוואָרן און, דערזענדיק נישט ווייט פון זיך אַ הייל אין אַ בערגל, איז ער אַהין אַריינגעגאַנגען זיך אָפּרוען. אין דער הייל איז געווען קיל און מאַכמעד האָט דערפילט אַ דערלייכטערונג. אַרום און אַרום איז געווען שטיל און מ׳האָט נישט געזען קיין לעבעדיקן נפש. דאָס אַמאָליקע געפיל פון איינזאַמקייט האָט ווידער אויפגעוואַכט אין זיין האַרץ. מאַכמעד האָט זיך אַרומגעקוקט אין דער הייל, דאָרטן איז געווען שטאַרק פינסטער. ער האָט

פלוצלינג פאר עפעס מורא געקריגן. ער האָט זיך שוין געוואָלט אויפשטעלן און ארויסגיין. אָבער אָט האָט ער ווידער אי־בערגעלעבט דאָס זעלבע, וואָס דאַמאָלס אין דער מדבר. פאר די אויגן האָבן זיך באוויזן פייערדיקע רינגען, אין קאָפּ האָט אָנגעהויבן צו מישן, ס׳האָט זיך אים געדוכט, ווי אימיצער הויבט אים אויף אויף ווייכע, צארטע הענט. ער האָט גע־פּרוווט שטעלן א טריט און איז אומגעפאלן. ער האָט געפילט, ווי א כח שלעפּט אים ערגעץ. ער האָט גענומען שרייען, אָבער די שטים איז אים באלד פארגליווערט געוואָרן אין האלז. דער עפּילעפּסיע־אטאק האָט זיך, נאָך א הפסקה פון אזויפיל יאָרן, ווידער איבערגעחזרט אין א זייער שארפער פאָרם.

פארשטייט זיך, אז מאכמעד, וועלכער האָט געזען אין דעם אלעם א געטלעכע דערשיינונג, דערציילט אנדערש וועגן דעם דאָזיקן פאל. ער דערציילט אזוי: „איך בין געווען מיד, איך בין אריין אין א הייל און באלד האָט מיך ארומגענומען א שטארקער שלאָף. פלוצלינג דערפיל איך אין שלאָף, ווי עס דערנענטערט זיך צו מיר אימיצער. איך זע אים נישט, איך זע בלויז זיין האנט. און די האנט ווייזט מיר אָן אויף עפּעס א טאָוול און איך הער א שטים, וועלכע שרייט: לייען! ענט־פער איך, אז איך וויל נישט לייענען. שרייט די שטים ווידער צו מיר: לייען! און ווען איך זאָג מיר ווידער אָפּ דערפון כאפּט מיך די האנט אָן ביים האלז און נעמט אזוי שטארק דריקן, אז איך האָב געמיינט, אז איך שטארב אויפן אָרט׳׳.

ווען מאכמעד איז צוריקגעקומען צום באוואוסטזיין, אָדער ווי ער האָט געמיינט, אז ער האָט זיך אויפגעכאפּט פון שלאָף, איז ער געווען א שטארק צורודערטער. זיינע אויגן האָבן אויסגעדריקט שרעק און וואונדער. ער האָט געטראכט, אז איצט איז אים שוין קלאָר דער מהות פון דער געטלעכ־קייט. דאָס האָט זי זיך באוויזן צו אים און געהייסן לייענען אירע סודות. דאָס מוז, אודאי, זיין דער גאָט, וועגן וועלכן ס׳רעדן די יידן און קריסטן, האָט מאכמעד געטראכט. פאר־וואָס זשע האָט ער זיך באוויזן צו אים? ער האָט אים אויס־

דערווייַלט, האָט ער זיך אָפּגעגעבן אַן ענטפער, כּדי ער, מאַכמעד, זאָל גיין צו זיינע ברידער, אַראַבער, און זיי דערציילן וועגן אַן איינציקן גאָט.

דעם גאַנצן וועג אַהיים האָט ער קיינעם פאַר זיך נישט געזען. ער איז אַזוי מיטגעריסן געווען פון דער איבערלעבונג, פון דער שרעקלעכער וויזיע, אַז ער האָט נישט געהערט די באַגריסונגען פון זיינע באַקאַנטע, וועלכע האָבן אים געטראָפן אויפן וועג.

צוקומענדיק צו זיין הויז, איז ער געבליבן שטיין אַ פאַרטראַכטער, ווי ער וואָלט מער נישט געוואָלט אַריינגיין אין זיין שטוב. גראָד איז ביי אים אין הויז געווען כאַדידזשיאַס ברודער, וואַראַקאַ. ער האָט דורכן פענסטער באַמערקט מאַכמעדן און זיך געוואונדערט, וואָס דער שוואָגער זיינער איז פּלוצלינג געבליבן שטיין מיט אַזאַ אומעטיק, פאַרטראַכט געזיכט נעבן אַריינגאַנג פון הויז. ער האָט אויסגעשריגן:

— קום אַריין, מוכאַמעד, דיינע טעכטער און דיין ווייב וואַרטן אויף דיר!

ווען מאַכמעד איז אַריין אין שטוב און כאַדידזשיאַ האָט דערזען זיין בלאַס געזיכט, זיינע דערשראָקענע, האַלבווילדע אויגן, האָט זי געפרעגט:

— ביזטו, אפשר, קראַנק, מיין מאַן? דיינע אויגן זעען אויס שרעקלעך. זיי זענען ענלעך צו די אויגן פון יונגע אינדן, ווען אַ לייב יאָגט זיי נאָך.

מאַכמעד האָט זיך שווער אַוועקגעזעצט אויף דער ערד, האָט אָפּגעווישט דעם שווייס פון זיין שטערן און גענומען דערציילן מיט באַגייסטערונג וועגן דעם גרויסן וואונדער. ער האָט גערעדט מיט אַזאַ איבערצייגנדיקער שטים און דערביי האָבן זיך אין זיינע אויגן געוויזן טרערן, אַז כאַדידזשיאַ און איר ברודער וואַראַקאַ האָבן אויף אַ האָר נישט געצווייפלט, אַז צו אים האָט זיך באַוויזן דער גרויסער נאַמוס, דער גייסט פון הייליקן שטיין. און ווען וואַראַקאַ האָט אַרויסגעזאָגט דעם

דאָזיקן געדאַנק, האָט מאַכמעד אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און געזאָגט:

— ניין, וואַראַקאַ, דאָס איז גאָט, דער גאָט, וואָס האָט זיך באַוויזן צו אַבראַהמען און, וואָס פון אים שטאַמען אויך מיר. ער הייסט מיך גיין צו די ברידער אַראַבער און זיי דערציילן וועגן זיין גרויסקייט.

— און דו האָסט געזען די האַנט און געהערט די שטים?

— האָט אים כאַדידזשיאַ געפרעגט, — אפשר איז דאָס געווען בלויז אַ חלום?

מאַכמעד האָט זיך שטאַרק צוכעסט. ער האָט מיט אַ דערהויבענער שטים אָנגעהויבן נאָכאַמאָל צו דערציילן וועגן דעם אַלעם, וואָס ער האָט געזען.

— איך פיל, ווי די דאָזיקע שטים רעדט נאָך אין מיר און באַפעלט מיר, — האָט ער אויסגערופן און דערביי האָבן זיינע אויגן געברענט מיטן פייערל פון פאַנאַטישע גלויביקער.

דאַמאָלס האָט כאַדידזשיאַ אים אָנגעהויבן צו גלויבן. זי האָט באַטראַכט זיין געזיכט מיט ערפורכט און אים איינגעפירט אין אַ באַזונדער צימער און אים אַרויפגעלייגט אויף אַ בעט, כדי ער זאָל זיך באַרואיקן. ער האָט אינגאַנצן געציטערט און יעדע ווײַלע האָט ער אַרויסגערעדט עפּעס נישט פאַרשטענדלעכע ווערטער. כאַדידזשיאַ און וואַראַקאַ, וועלכע זענען געזעסן נעבן אים, זענען געווען זיכער, אַז דאָס רעדט דורך אים דער גייסט פון גאָט. וואַראַקאַ, פאַר וועלכן דער גאַנצער ענין איז נאָך נישט קלאָר געווען, האָט געפרעגט:

— הייסט עס, מוכאַמעד, אַז נישט אין שטיין, נישט אין בוים און אפילו נישט אין דער קאַאַבאַ זענען פאַראַן געטער, נאָר ס׳איז פאַראַן איין און איינציקער גאָט, וואָס זיצט אויבן אין הימל? אָבער ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך? עס מוזן דאָך זיין קליינע געטער אויך.

— איך זאָג, אַז ס׳איז דאָ איין גאָט, ווייל אַזוי רעדט

אין מיר דער הייליקער גייסט, צי הערט איר דען נישט זיין קול? — האט מאכמעד אויסגערופן.

אבער נישט געקוקט דערויף, וואס זיי האבן דאס דאזיקע קול נישט געהערט, זענען זיי זיכער געווען, אז מיט מאכמעד איז עפעס געשען א גרויסע זאך. אנקוקנדיק דאס געזיכט, וואס איז געווען אויסגעקרומט פון עפילעפטישן ספאזם און אין די בלויע, ציטערנדיקע ליפן, וועלכע האבן, דוכט זיך, עפעס געשעפטשעט, האט כאדידזשיא נישט געהאט דעם צווייפל, אז אויף איר מאן האט אראפגענידערט דער גייסט פון יענעם גאט, אין וועלכן סיגלויבן די יידן און די קריסטן.

ווען מאכמעד איז געקומען צו זיך, האט ער דערקלערט, אז ער מוז צוריק אוועק אין מדבר, ווייל דער הייליקער גייסט רופט אים. כאדידזשיא האט לכתחילה אים געוואלט באגלייטן, אבער מאכמעד האט דערקלערט, אז ער מוז זיין איינער אליין, ווייל די געטלעכקייט נידערט אראפ צום מענטש, נאר ווען ער איז איינזאם אין דעם מדבר. כאדידזשיא האט אים מיטגעגעבן אין א זאק עסן און מאכמעד איז אין מיטן נאכט. כדי קיינער זאל אים נישט זען, אוועק אין נאנטסטן מדבר. דארטן האט ער זיך אוועקגעלייגט אין א הייל און גאנצע אכט טעג פון דארטן נישט ארוים. זיין פאנטאזיע האט איצט געפלאקערט. די עפילעפטישע אטאקן האבן זיך עטלעכע מאל איבערגעחזרט. ער האט כסדר געפיבערט און כמעט נישט גענעסן. ווען ער איז צוריק אהיים געקומען, האט אים כאדידזשיא כמעט נישט דערקענט. די אויגן זענען טיף אריינגעפאלן אין קאפ און די הויט פון פנים איז געווען דורכזיכטיק. זיין בארד איז געווען צושויבערט און דער בליק האט אנגעווארפן א שרעק. ווי נאר ער איז אריינגעקומען אין שטוב, האט ער דערפילט, אז עס דערנענטערט זיך דער עפילעפטישער אטאק. ער איז געווען זיכער, אז דאס באווייזט זיך צו אים ווידער דער הייליקער גייסט און ער האט א געשריי געטון:

— גייט אוועק פון מיר! איך זע, ווי א פייערדיקער

מלאך דערנענטערט זיך צו מיר, ער נעמט מיך פאר דער האנט און פירט מיך.

כאדידזשיא און די פיר טעכטער און אלע ארומיקע שקלאפן זענען דערשראקן פון אים אפגעשפרונגען און אני־דערגעפאלן מיטן פנים צו דער ערד. אבער באלד האט זיך מאכמעדס קערפער א וואקל געטון און ער איז אומגעפאלן, ווארפנדיק זיך אין קאנוואולסיעס. א ווײַלע זענען אלע ארום געלעגן און מיט ערפורכט זיך צוגעקוקט צו דעם, וואס קומט פאר מיט מאכמעדן. אבער כאדידזשיא האט נישט געקאנט מער צוקוקן די קאנוואולסיעס פון איר מאן. זי האט באפוילן, אז די דינער זאלן ברענגען א רויט טוך. אין דעם דאזיקן טוך האט זי אײַנגעוויקלט מאכמעדן און מיט דער הילף פון די דינער אים אוועקגעלייגט אויף א בעט. זי האט ארומגעשטעלט זײַן געלעגער מיט בלומען און פאלמען און זיך אוועקגעזעצט ווארטן, ביז וואנען ער וועט זיך אויפכאפן פון זײַן פארחלשטן צושטאנד.

ווען מאכמעד האט געעפנט די אויגן, האט ער געבעטן, אז מ׳זאל רופן זײַן גאנץ הויזגעזינט, אלע דינער און שקלאפן, ווײַל ער האט עפעס וויכטיקס צו זאגן.

— וואס אזעלכעס, מײַן מאן? צי קען איך עס פריער נישט וויסן?— האט כאדידזשיא געפרעגט.

— איך וויל דערציילן, וואס פאר א וואונדער ס׳איז מיט מיר געשען, — האט ער גערעדט מיט א באגײַסטער־טער שטים, — איך וויל, אז אלע זאלן הערן און אויך אנהויבן צו גלויבן, אזוי ווי איך.

דאמאלס האט כאדידזשיא געלאזט רופן נישט בלויז די דינער און שקלאפן, נאר אויך עטלעכע שכנים, כדי אלע זאלן הערן די וואונדערלעכע פאסירונגען פון איר מאן. און ווען דאס צימער איז פול געווארן מיט מענטשן, איז מאכמעד אראפ פון געלעגער, האט זיך אוועקגעזעצט אויף דער ערד, פארלייגנדיק אונטער זיך די פיס. אלע האבן אים נאכגעטון

און מאַכמעד האָט אָנגעהויבן צו דערציילן, וואָס מיט אים איז געשען:

— ווי נאָר איך בין אריין אין שטוב, — האָט ער אָנגעהויבן, — האָט זיך צו מיר דערנענטערט דער מלאך גבריאל און האָט מיך גענומען פירן אין אַ ווייטער, אומבאַקאַנטער געגנט. דאָרטן האָבן זיך באַוויזן נאָך צוויי מלאָכים. פּלוצלינג האָב איך דערהערט אַ שטים און געוווּסט איז דאָס די שטים פון גאָט. זי איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז מ׳האָט זי געהערט אין אַלע פיר עקן פון דער וועלט. און די שטים האָט געזאָגט: דו, וואָס מען וויקלט דיך אין רויטע טיכער, ביזט אויסדערוויילט פון מיר, כדי צו דערציילן די מענטשן פון מיין גרויסקייט. גיי און דערצייל זיי און זאָג זיי, אַז גרויס איז גאָט און מוכאַמעד איז זיין נביא.*)

די דאָזיקע דערקלערונג האָט אויף מאַכמעדס נאָענטע, באַזונדערס אויף די שקלאַפן, געמאַכט אַ געוואַלדיקן איינדרוק. זיי האָבן זיך גענומען בוקן צו אים און קושן דעם זוים פון זיין מאַנטל. בלויז די איינגעלאַדענע שכנים האָבן געהויבן מיט די פּלייצעס און מיט אַ שמייכל זיך אָנגעקוקט איינער דעם אַנדערן. זיי האָבן זיך ביסלעכווייז אַרויסגעשלייכט פון צימער און דערנאָך דערציילט פאַר זייערע פריינט, אַז מאַכמעד איז באַהערשט פון אַ בייזן גייסט.

מאַכמעד האָט אויפן אַנדערן טאָג איינגעלאַדן צו זיך אין הויז זיין גאַנצן משפּחה־שטאַם כאַשים, די מענער און ווייבער און זייערע הויזגעזינטן. כאַדידזשאַ האָט געלאָזט אָנזאָגן דורך אירע שלוחים, אַז איר מאַן איז געקומען מיט אַ גרויסער אַנטפּלעקונג, וואָס דאַרף אויפרודערן אַלע אַראַבישע שבטים. צוזאַמענגנם איז דער גאָרטן ביי כאַדידזשאַס הויז פול געוואָרן מיט די מיטגלידער פון דער משפּחה כאַשים. מאַכמעד האָט אָנגעהויבן צו דערציילן וועגן דער גרויססער אויפגאַבע, וואָס ער האָט באַקומען פון גאָט, וועגן זיינע

---

*) לויטן קאָראַן, סורא (קאַפּיטל) 74, 1—7.

זעאונגען, וועגן דעם, אַז די אַלע דריי הונדערט אַראַבישע געטער זענען גאָרנישט קיין געטער, נאָר דער גאָט אין הימל איז דער אמתער גאָט.

פּלוצלינג האָבן זיך אין מיטן רעדן דערהערט געלעכ־טערס און אויפגערעגטע שטימען.

— מוכאַמעד, וועלכע מכשפה האָט דיר אָנגעטון אַ כי־שוף! זאָלסט דערשטיקט ווערן, צוליב דעם האָסטו אונז גע־רופן אַהער? מיר האָבן געמיינט, אַז דו האָסט אונז פאַרצו־לייגן עפּעס אַ גלענצנדיק געשעפט, אָדער ס'איז דאָ צו מאַכן עפּעס אַ געלונגענעם אָנפאַל אויף אַ רייכן קאַראַוואַן! טפו זאָלסט ווערן!

דער עולם האָט זיך אָנגעהויבן פונאַנדערצוגיין, זידלענ־דיק אים מיט די ערגסטע קללות. אַ סך האָבן אָפן דערקלערט באַדידזשיאַן, אַז איר מאַן איז משוגע געוואָרן. וואָס הייסט די געטער זענען גאָרנישט ווערט? וואָס איז דאָס פאַר אַ גאָט, וואָס לאָזט נישט צו נאָך קיין געטער? און זאָל זיין, אַז ס'איז שוין טאַקע פאַראַן אַזאַ גאָט, האָט ער שוין נישט געהאַט קיין אַנדערן איבערצוגעבן די מיסיע צו פּרעדיקן אין זיין נאָ־מען, ווי נאָר דעם געוועזענעם קעמל־אַנטרייבער? אַזוי האָבן געטראַכט די מיטגלידער פון דער משפחה כאַשים און איינער פון זיי, אַבו־לאַכאַב, וואָס זיין זון האָט געזאָלט חתונה האָבן מיט מאַכמעדס טאָכטער, ראָקאַיאַ, האָט מיט כעס דער־קלערט:

— איך וויל זיך נישט מתחתן זיין מיט אַ משוגענעם. ס'איז פאַר מיר אַן אומכבוד, אַז מיין זון זאָל זיין דער איי־דעם פון אַ חסר־דעה.

און דער שידוך איז טאַקע איבערגעריסן געוואָרן. דאָס האָט אָבער נישט געשאַדט מאַכמעדן, וועלכער האָט פאַר זיין טאָכטער ראָקאַיאַ געפונען אינגיכן אַ שידוך צווישן זיינע אייפעריקע אָנהענגער. א ס מ א ן ־ א י ב ן ־ א פ א ן איז געוואָרן ראָקאַיאַס מאַן און שפּעטער געשפּילט איינע פון די וויכטיקסטע ראָליעס אין דער ניי־אַנטשטאַנענער רעליגיע.

מאַכמעד האָט געזען, אַז זיין משפּחה גלויבט נישט אין זיינע אַנטפּלעקונגען, ווייל ער איז צו נאָנט צו זיי און עס איז שווער צו זיין אַ נביא צווישן אייגענע. דאָס זעלבע האָט אים אויפגעקלערט כאַדידזשיאַ און האָט אים געראָטן, אַז ער זאָל אַרויסגיין אויף די עפנטלעכע ערטער פון מעקאַ און דערציילן וועגן זיינע זעאונגען און דער מיסיע, וואָס ער האָט באַקומען פון גאָט.

אונטערן איינדרוק פון זיינע האַלוצינאַציעס און וויזיעס האָט זיך ביי מאַכמעדן אויסגעאַרבעט אַ גאַנצע פאָרשטעלונג וועגן זיין נייער אויפגאַבע. ער האָט באַשלאָסן אריינצוטראָגן נייעס אין די ביידע רעליגיעס, אין יידנטום און קריסטנטום, און שאַפן אַזאַ גלויבן, וואָס זאָל זיין איינפאַכער, מער ערדישער און צוגענגלעכער פאַר די אַראַבער. ער האָט געגלויבט, אַז די מיסיעס פון משהן און קריסטוסן האָבן זיך שוין געענדיקט און, אַז גאָט האָט אים געגעבן אַ נייע מיסיע. אין זיינע דרשות, וואָס ער האָט געהאַלטן, האָט ער דערציילט וועגן אַברהמען, ישמעאלן, וועלכן ער האָט אָנגערופן אור־פאָטער פון די אַראַבער, וועגן משהן און קריסטוסן. — „אָבער די וויכטיקסטע אויפגאַבע האָט גאָט איבערגעגעבן מיר, — האָט ער אויסגערופן, — און דעריבער בין איך זיין רעסול (שליח)“.

ווען ער האָט זיך באַוויזן אויף די מערק אין מעקאַ, האָבן אים אַרומגערינגלט די אָרימעלייט, שלעפּערס, קראַנקע און קאַליקעס און מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם אויסגעהערט זיינע רייד וועגן דעם, אַז „אַלע זענען גאָט גלייך“. די דאָזיקע דערקלערונג האָט די נידערגעשלאָגענע צוגעגעבן מוט און זיי האָבן אָנגעהויבן צו גלויבן אין זיינע רייד. דאַקעגן די רייכערע האָבן אים אויסגעלאַכט און אָפּן פון אים געגומען חוזק, אַ סך האָבן אים איבערגעריסן די דרשות מיט אַזעלכע איראָנישע באַמערקונגען, ווי: „אַ שיינער גאָט איז דאָס, וואָס האָט אויסגעוויילט אַלס זיין שליח, אַזאַ נאַרישן מענטש, ווי מוכאַמעד איז!“.

נישט קאָנקרעט דערוויף, איז די צאָל פון זיינע אָנהענגער געוואַקסן. מערסטנטיילס זענען דאָס געווען שקלאַפן און סתם אָרימעלייט. צווישן זיי זענען אויך געווען עטלעכע רייכערע, ווי על־אַטיקאַ, אָדער ווי מ׳האָט אים שפּעטער גערופן — אַבו־בעקראַ. דאָס איז געווען אַ צאַרטער און שטילער יונגער־מאַן, וועלכער האָט שוין פון לאַנג אויפגעהערט צו גלייבן אין די דריי הונדערט אַראַבישע געטער און איז אַרומגע־גאַנגען אַ פאַרצווייפלטער, נישט קאָנענדיק געפינען קיין ענט־פער אויף די פאַרשידענע פראַגן, וועלכע האָבן אים געפּלאָגט. ער איז איינמאָל געגאַנגען עפּעס קויפן אויפן מאַרק און זיך אָפּגעשטעלט הערן דעם פערציק יעריקן אַראַבער מיט דער צעשויבערטער באָרד. מאַכמעדס ווערטער האָבן געטראָפן אין זיין האַרץ אַריין, ווי באַלזאַם אויף אַ ברענענדיקער וואונד. און פון דאַמאָלס אָן איז ער געוואָרן מאַכמעדס באַגייסטער־טער אָנהענגער. אַ שטענדיקער באַגלייטער פון מאַכמעדן איז אויך געוואָרן דער פון שוין פריער דערמאָנטער אָסמאַן, וועל־כער פלעגט נישט אָפּטרעטן פון „נעבי״ (נביא), ווי מ׳האָט שוין דאַמאָלס גערופן מאַכמעדן. די צאָל אָנהענגער האָט שוין איצט דערגרייכט ביז 43. זיי, צוזאַמען מיט מאַכמעדס אָדאָפּ־טירטע זין אַלי און זאַאיד, פלעגן אים נאָכפאָלגן אומעטום, וואו ער פלעגט נאָר האַלטן זיינע דרשות.

די קאָריישיטן האָבן לכתחילה זיך באַצויגן צו מאַכמעדס דרשות מיט בלויזן בטול און חוזק. אָבער אינגיכן האָבן זיי איינגעזען, אַז דעם געוועזענעם קעמל־אָנטרייבערס איינפלוס וואַקסט. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אַבו־בעקראַ האָט אויסגעקויפט די שקלאַפן, מאַכמעדס אָנהענגער, פון זייערע האַרן, כדי שטענדיק צו האָבן אין דעם אייגענעם רשות אַ געוויסע צאָל מענטשן, וועלכע זאָלן קאָנען פאַרטיידיקן די נאָך קליינע סעקטע פון אַ מעגלעכן אָנפאַל. די קאָריישיטן האָבן דערפילט, אַז מאַכמעד מיט זיינע אָנהענגער קאָנען ווערן אַ געפאַר פאַר זייער מאַכט. אָבער אָנפאַלן אויף מאַכ־מעדן האָבן זיי מורא געהאַט צוליב צוויי טעמים: ערשטנס

האט מען לויט די רעליגיעזע מנהגים נישט געטארט אין מעקא פארגיסן קיין בלוט, צוליב וועלכער זיי מורא געהאט פאר דער מעכטיקער משפחה כאשים, צו וועלכער מאכמעד האט געהערט. די מיטגלידער פון דער כאשים־משפחה האבן טאקע אויסגעלאכט מאכמעדן, אבער דערהרגענען אים וואלטן זיי נישט דערלויבט און זיי וואלטן זיך בלוטיק נוקם געווען אן זיינע מערדער. מ׳האט דעריבער געדארפט אנווענדן אנדערע מיטלען, ווי אזוי פטור צו ווערן פון מאכמעדס ווירקונג. דעריבער האבן די עלטסטע פון דער שטאט איינגעלאדן צו זיך מאכמעדס פעטער, אבו־טאליבן, און אים אויפגעוויזן די געפאר, וואס עס דראט דעם שבט קארייִשיטן מצד מאכמעדן און זיינע אנהענגער.

— ער שפעט אפ פון אונזערע געטער, — האבן די איינפלוסרייכע קארייִשיטן דערקלערט, — ער איז מבזה אונזער הייליקן שטיין און רעדט עפעס וועגן א גאט אין הימל, וואס קיינער קאן אים נישט זען. מיר האלטן דעריבער, אז קיינער וועט אויף אים אזוי נישט קאנען ווירקן, ווי דו, אבו־טאליב. ער האט זיך ביי דיר דערצויגן, דו האסט אים יארן־לאנג געשפייזט. ער מוז דיך פאלגן, דו וועסט אים זיכער איבעררעדן.

— ער איז אבער זייער איינגעשפארט און גלויבט אין זיך. — האט אבו־טאליב זיך געוואלט ארויסדרייען פון דער שווערער אויפגאבע, ווייל ער האט פאראויס געוואוסט, אז זיינע רייד וועלן קיין שום פעולה נישט האבן.

— ניין, ניין, אבו־טאליב, דו ביזט עלטער פון אים און מיר הייסן דיך, אז דו זאלסט אים אפרעדן פון זיינע נארישקייטן. ער וועט דיך פאלגן. אבער נוץ אויס דיין גאנצע חכמה, ווייל, ווי דו ווייסט, איז ער אליין ווייניק קלוג.

ווען אבו־טאליב איז אהיים געקומען, האט ער געשיקט א שליח נאך מאכמעדן. אבער מאכמעד האט געלאזט זאגן, אז ער וועט פריער נישט קומען, אויב אבו־טאליב וועט אים נישט זאגן, וועגן וואס ער רופט אים. אבו־טאליב האט נישט

געהאַט קיין ברירה און געזאָגט. דאַמאָלס איז צו אים גע־קומען מאַכמעד אין באַגלייטונג פון אַלי און מיט אַ דרייס־טער שטים געזאָגט:

— איידער דו הויבסט נאָך אָן צו רעדן, אַבו־טאַליב, וויל איך דיר זאָגן: רעד נישט, אַרויסגעוואָרפן דיינע רייד. קיינער פון די לעבעדיקע קאָן מיך נישט צוריק אַראָפּפירן פון דעם וועג, אויף וועלכן איך בין אַרויף! שווייג־זשע בע־סער!

אַבו־טאַליב האָט זיך נישט דערשראָקן פון מאַכמעדס ווערטער און שטרענג אַ זאָג געטון:

— דו פאַרשאַפסט חרפּות מיר און אונזער גאַנצן שבט. וואָס פאַר אַ משוגענער האָט זיך דאָס באַזעצט ביי דיר אין קאָפּ? יעדער בעסערער מאַן פון מעקאַ לאַכט דאָך זיך אויס און דערנאָך וועלן פון דיר שפּעטן דיינע אייגענע אָנהענ־גער. פאַרגעס נישט, אַז דו שטאַמסט פון דער גרויסער מש־פּחה כאַשים!

מאַכמעד האָט זיך צולאַכט און, זיך אויסדרייענדיק מיטן רוקן צו אַבו־טאַליבן, האָט ער געזאָגט צו אַלי, וועלכער האָט אים אַהער באַגלייט:

— מיין זון, אַלי, אַבו־טאַליב האָט באַליידיקט דיין פאָ־טער, זאָג אים דעריבער, אַז ווען די קאַריישיטן וואָלטן מיר געגעבן די זון אין דער רעכטער האַנט און די לבנה — אין דער לינקער, וואָלט איך נישט פאַרלאָזט דאָס אָרט, אויף וועלכן גאָט האָט מיך באַשטימט.

און זאָגנדיק דאָס האָט מאַכמעד פאַרלאָזט אַבו־טאַליבס הויז. אין עטלעכע שעה אַרום איז צו מאַכמעדן געקומען אַבו־טאַליבס אַ שליח און דערציילט, אַז אַבו־טאַליב וויל זיך אָנ־שליסן אָן מאַכמעדס אָנהענגער. מאַכמעדס לעצטע, דריי־סטע דערקלערונג האָט אויף אים אַזוי געווירקט, אַז ער האָט אָנגעהויבן צו גלויבן אין זיין קרובס גרויסע מיסיע. און פון יענעם טאָג אָן איז אַבו־טאַליב געוואָרן איינער פון מאַכ־מעדס אייפעריקסטע אָנהענגער און געזידלט יעדן איינעם,

וועלכער האָט געפּרוּווט אויסרעדן אויף מאַכמעדן אַ שלעכט וואָרט.

ווען די קאָריישיטן האָבן זיך דערפון דערוואוסט, איז זייער מורא פאַר מאַכמעדס געפאַר נאָך גרעסער געוואָרן. אויב דער, וואָס איז געגאַנגען אויף אים ווירקן, איז אַליין געשטרויכלט געוואָרן, טאָ וואָס זאָל שוין טון דאָס געוויינלעכע פאָלק? און די קאָריישיטן האָבן באַשלאָסן אָנצווווענדן אַ שאַרף מיטל. זיי האָבן אַרויסגעשיקט מענטשן אויף אַלע פּלעצער און מערק פון דער שטאָט און געלאָזט אויסרופן, אַז מאַכמעד מיט זיינע אָנהענגער ווערן אַריינגעלייגט אין חרם. „קיין שום קאָריישיט טאָר נישט קויפן אָדער פאַרקויפן ביי מאַכמעדס אָנהענגער, — האָבן אויסגערופן די ספּעציעלע שלוחים, — קיינער טאָר נישט וואוינען מיט זיי אונטער איין דאַך און נישט האָבן מיט זיי קיין שום באַציאונגען!“ די קאָריישיטן האָבן פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז מאַכמעד און זיינע אָנהענגער זענען אָנגעשטעקט דורך אַ בייזן גאָט מיט אַ ווילד משוגעת און דעריבער דאַרף יעדער פון זיי וויכן.

די קליינע סעקטע האָט זיך איצט געפונען אין זייער אַ שווערער לאַגע. קיינער האָט זיך מיט זיי נישט באַגריסט, מ׳האָט זיי אויסגעמיטן, ווי קרעציקע און מ׳האָט זיך באַמיט זיי אָנטון כלערליי צרות. דעריבער האָבן זיך די גרעסטע צאָל פון מאַכמעדס אָנהענגער באַזעצט אין אַ באַזונדערן קוואַרטאַל, וואוהין מאַכמעד פלעגט טעגלעך אַהינקומען און דערציילן וועגן זיינע נייע אַנטפּלעקונגען. ער פלעגט אויך קומען אין די אַרומיקע שטעטלעך, ווי מיזאַ, אוקאַזאַ און אויך דאָרטן פּרעדיקן זיין נייע לערע.

פון יאָר צו יאָר האָט זיך אַרום מאַכמעדן אָנגעהויבן צו זאַמלען אַ גרעסערע צאָל חסידים, ער האָט געהאַט אָנהענגער נישט בלויז אין מעקאַ און אין די אַרומיקע שטעטלעך, זיין נאָמען און זיין לערע האָט אויך דערגרייכט אין דער שטאָט יאַטרעב (שפּעטער האָבן די מוסולמענער די שטאָט אַ נאָמען געגעבן מעדינאַ). די איינוואוינער פון יאַט-

רעב פֿלעגן אָפֿט קומען עולה־רגל זײַן קײַן מעקאַ צו דער הײליקער קאַאַבאַ. דאָרטן איז זײ אױסגעקומען צו הערן מאַכמעדס דרשות. אין יאַטרעב האָבן געװאױנט אַ סך ײדן און קריסטן, װעלכע האָבן צװישן די אָרטיקע אַראַבער פֿאַרפֿלאַנצט דעם גלױבן אין אַן אײנציקן גאָט. מאַכמעדס אַנטפּלעקונגען און זײַנע דערצײלונגען װעגן גאָט, װאָס האָט אים אױסדערװײלט, האָבן אױף די יאַטרעבער אַראַבער געמאַכט אַ פֿיל שטאַרקערע װירקונג, װי אױף די אײַנװאױנער פֿון מעקאַ. װאָרום ס'האָבן קײן ײדן און קריסטן נישט געװאױנט. זײ האָבן טאַקע אױף דעם געװאַרט, פֿאַר זײ זענען מאַכמעדס דערצײלונגען אַזױ געװען װאַרשײַנלעך, אַז קײנער פֿון זײ האָט אים נישט געשטעלט קײן קשיות, װי עס פֿלעגן דאָס טון די אײַנװאױנער פֿון מעקאַ. צוריקקומענדיק קײן יאַטרעב, האָבן זײ דערצײלט װעגן דעם נביא, װאָס האָט זיך באַװיזן און אַזױ אַרום איז מאַכמעדס נאָמען געװאָרן שטאַרק באַרימט אין דער שכנותדיקער שטאָט.

פֿאַר מאַכמעדן און זײַנע אָנהענגער איז די לאַגע אין מעקאַ געװאָרן געפֿערלעכער פֿון טאָג צו טאָג. די קאָרײשיטן האָבן אָפֿן געפֿאָדערט, אַז מאַכמעד מיט אַלע זײַנע אָנהענגער זאָלן פֿאַרלאָזן מעקאַ. אין דער זעלבער צײַט, דאָס איז געװען אין יאָר 619, האָט מאַכמעדן געטראָפֿן אַ גרױס אומגליק. ס'איז געשטאָרבן כאַדידזשיאַ, די הײסעסטע אָנהענגערין זײַנע, װעלכע האָט אים געשטאַרקט אין אַרײַנגעגעבן מוט אין די מינוטן פֿון פֿאַרצװײפֿלונג. נישט אײנמאָל פֿלעגט מאַכמעד, אין די ד' אמות פֿון זײַן הױז, אַרײַנפֿאַלן אין אַ טיפֿער מרה־שחורה, נישט אײנמאָל פֿלעגט דער באַגײַסטערטער פֿון די מאַסן אַלײן אַראָפּלאָזן די הענט, זעענדיק, װי אַלע זײַנע קרובים און באַקאַנטע האָבן זיך פֿון אים אָפּגעקערט. ער פֿלעגט דאַמאָלס אַהײם קומען, אַנידערפֿאַלן אױף דער ערד און װײנען הױך אױפֿן קול. כאַדידזשיאַ פֿלעגט זיך נעבן אים אװעקזעצן און מיט אירע קלוגע רײד אים אױפֿמונטערן. ער האָט זי שטענדיק געליבט און אַפֿילו שפּעטער,

ווען ער האָט געהאַט אַזויפֿיל ווייבֿער אַרום זיך, האָט ער גערעדט וועגן איר, ווי וועגן די שענסטע און די קלוגסטע צווישן די פֿרויען. און אָט איז איצט כאַדידזשאַ מער נישט געווען. פֿון אַלע זייטן האָט געלויערט אויף אים האַס און שפּאָט. גייענדיק דורך די גאַסן צום קוואַרטאַל, וווּ ס׳זענען געווען גרופּירט זיינע אָנהענגער, האָט ער זיך געמוזט דורכ־גנבֿענען, ווי אַ פֿאַרברעכער, ווייל די פֿאַרבייגייענדיקע קאָריישיטן האָבן אים באַוואָרפֿן מיט זידל־ווערטער און חוזק. יעדן טאָג האָט זיך געהערט אַלץ שטאַרקער די פֿאָדערונג, אַז מאַכמעד זאָל פֿאַרלאָזן מעקאַ.

— אויבֿ די זינדיקע וועלן נישט פֿאַרלאָזן די שטאָט,

— האָבן די קאָריישיטן געדראָט, — וועלן מיר עובר זיין אויפֿן מנהג און פֿאַרגיסן בלוּט!

אַבוּ־בעקראַ און אַלי האָבן געהאַלטן, אַז מאַכמעד מוּז אוּמבאַדינגט געפֿינען נייע אָנהענגער. צוּ דעם צוועק האָבן זיי געראַטן, אַז ער זאָל אַוועק אין דער נאָענטסטער שטאָט טאַאיף, וווּ מאַכמעדס לערע איז נאָך געווען אוּמבאַקאַנט. אַזוי, צי אַזוי, האָט מאַכמעד געמוזט אויף אַ געוויסע צייט פֿאַרלאָזן מעקאַ, כּדי צוּ שטילן דעם כּעס פֿון זיינע שונאים.

אויף זיין אייזעלע על־קאַספּאַ איז ער אין באַגלייטונג פֿון אַבוּ־בעקראַ און אַלי אַוועק קיין טאַאיף. ער איז אַריינגעריטן אויפֿן מאַרק און אָנגעהויבן צוּ דרשנען. לכתחילה האָבן אים אַלע אויסגעהערט מיט אינטערעס. אָבער ס׳איז גענוּג געווען, אַז אימיצער זאָל אויסרופֿן: „ער איז אַ שווינדלער, ער נאַרט אייך אָפּ!“, ווי אַלע אין איין קול זאָלן נעמען שרייען:

— דוּ נאַרסט אוּנז אַלעמען אָפּ! דוּ ביזט אַ ליגנער, אַ שווינדלער! גאָט האָט שוין קיין אַנדערן נישט געהאַט אויסצוּקלייבן, נאָר דיך?! נעמט שטיינער, וואַרפֿט אין אים!

און באַלד האָבן זיך אַ שאָט געטאָן אויף מאַכמעדן און זיינע אָנהענגער אַ האָגל שטיינער. איין שטיין האָט אים

געטראָפן אין פּנים און אים שטאַרק צעבלוטיקט. ער האָט זיך אַדורכגעריסן דורך דעם צעווילדעוועטן עולם און צוזאַמען מיט אבו־בעקרא און אַלי אַנטלאָפן אין אַ גאָרטן, וואָס האָט געהערט צו צוויי מעקאַער אײַנוואוינער, אָטבּא און שייבּא, וועלכע זענען געווען מאַכמעדס אָנהענגער. אַרײַנלויפנדיק אין גאָרטן, איז מאַכמעד אַנידערגעפאַלן און פון שטאַרקער אויפ־רעגונג באַקומען אַן עפּילעפּטישן אַטאַק. זײַנע פרײַנט האָבן אים אײַנגעוויקלט אין הויטע טיכער און אַוועקגעלייגט אויף אַ בעט. ווען מאַכמעד איז געקומען צו זיך, איז זײַן פּנים געווען שטאַרק בלאַס און די אויגן האָבן געבּרענט מיט דעם שײַן באַקאַנטן פײַער פון אינערלעכן עקסטאַז. ער האָט אַ געשריי געטאָן:

— קומט אַהער צו מיר! דער הייליקער גייסט האָט זיך צו מיר ווידער אַנטפּלעקט!

און ער האָט זיי דערציילט וועגן זײַן זעאונג, וואָס ער האָט געהאַט.

מיר גיבן עס דאָ איבער לויט ווי עס ווערט דער־ציילט אין קאָראַן: *)

— אַזוי ווי כ׳בין געשלאָפן, האָב איך פּלוצלינג דערזען פאַר מײַנע אויגן אַ בליץ. דער בליץ האָט מיך אויפגעהויבן און אין איין רגע אַוועקגעטראָגן קיין ירושלים. איך בין אַרײַן אין אַ טעמפּל, וואָס איז געווען אויסגעצירט מיט טײַ־ערע שטיינער און איך האָב דערזען דאָרט אַבּרהמען, משהן און קריסטוסן. זיי זענען געשטאַנען בײַ דער מזרח־וואַנט און מתפּלל געווען. דעמאָלט האָב איך דערהערט אַ שטים: אויסדערוויילטער, זײַ מתפּלל אויך צוזאַמען מיט זיי. און איך האָב תּפילה געטאָן.

די דאָזיקע נײַע דערציילונג האָט דערגרייכט צו אַלע מאַכמעדס אָנהענגער, זי האָט אויך דערגרייכט צו זײַנע אָנ־הענגער אין מעדינאַ (יאַטרעב). ווען ער איז צוריקגעקומען,

*) קאָראַן — דאָס הייליקע בוך פון די מאַכמעדאַנער.

האבן אים זיינע גלויביקע ארומגערינגלט און געקושט דעם רויטן מאנטל, וואס ער האט אויף זיך געטראגן, זינט דער ערשטער אנטפלעקונג. גלייכצייטיק האט ער זיך דערוואוסט, אז די קארייִשיטן באהאנדלען די אנהענגער זיינע אויף אן אכזריותדיקן אופן און א סך האבן דעריבער געמוזט פארלאזן די שטאט. וואו מ'האט געטראפן מאכמעדס אן אנהענגער, האט מען אים געשלאגן ביז בלוט, ווער עס האט געקאנט, איז אנטלאפן פון מעקא. איבערגעבליבן זענען בלויז אבו־בעקרא און מאכמעדס קינדער מיט די צוויי אדאפטירטע זין. וואוהין זענען אלע געלאפן? קיין מעדינא, וואו די אנהענגער פון מאכמעד זענען אויסגעוואקסן צו א גרויסער צאל. מעדינא איז איצט געווארן דער צענטער פון מאכמעדס לערע און מ'האט געווארט אויפן רבין און אים צוגעזאגט איינצוארדנען א טריאומפאלן אריינפאר.

אבער מאכמעד האט נאך אלץ זיך נישט געוואלט אונטערגעבן די קארייִשיטן. ער האט געהאפט, אז אים וועט זיך איינגעבן זיי איבערצוצייגן און זיי ארויפפירן אויף זיין וועג פון גלויבן. די קארייִשיטן אבער האבן באשלאסן איינמאל פאר אלעמאל צו מאכן א סוף מיט מאכמעדס איינפלוס. זיי האבן געזען, אז אין מעדינא וואקסט די צאל פון מאכמעדס אנהענגער. מעדינא איז געלעגן אויפן וועג, וואס האט געפירט אין דער מדבר, וואו ס'האבן געמוזט דורכגיין אלע קאראוואנען פון די קארייִשיטן. אויב מאכמעד וועט ווערן דער הערשער איבער דער דאזיקער שטאט, דאן וועט ער אנפאלן אויף אלע קאראוואנען, וואס וועלן גיין קיין מעקא. ס'איז נישט געווען קיין אנדער ברירה: מ'האט געמוזט דערהרגענען מאכמעדן. און די קארייִשיטן זענען געווען זיכער, אז מיטן טויט פון פירער, וועט די גאנצע באוועגונג ליקווידירט ווערן. ס'איז געווען דערצו א גוטע געלעגנהייט. מאכמעד איז כסדר געווען אליין אין זיין הויז. חוץ אבו־בעקרא און אלי, איז קיינער מיט אים נישט געווען. אפילו זיינע טעכטער זענען שוין געהאט אנטלאפן קיין מעדינא. די קארייִשיטן האבן גע־

שאַפֿן אַזאַ מין ראַט, אין וועלכן ס'איז אַריין צו איין פֿאַר־שטייער פֿון יעדער משפּחה און דער דאָזיקער ראַט האָט עס געדאַרפֿט אויספֿירן דעם באַשלוס וועגן הרגענען מאַכמעדן. מ'האָט אָפּגערעדט, אַז בײַנאַכט, ווען מאַכמעד וועט ליגן אין בעט, זאָלן עטלעכע מענטשן אַריין אין זײַן צימער און אים דערשטיקן.

אַבו־בעקראַ האָט זיך וועגן דעם דערוואוסט און באַלד איבערגעגעבן מאַכמעדן, וועגן דער דראָענדיקער געפֿאַר. איצט איז שוין נישט געווען קיין אַנדער אויסוועג. מאַכמעד האָט געמוזט אַנטלויפֿן, כּדי אויסצומײַדן אַ זיכערן טויט.

כּדי מ'זאָל נישט זען, אַז מאַכמעד גרייט זיך אַנטלויפֿן און דעמאָלט וואָלט מען אים זיכער נאָכגעיאָגט, האָט אַבו־בעקראַ גערופֿן צו זיך זײַן קעמל־פֿירער און געהייסן אַרויס־פֿירן צוויי קעמלען אונטער דער שטאָט, אָנזאָגנדיק אים, אַז ער זאָל דאָרטן אויף אים וואַרטן ביז שפּעט אין דער נאַכט. ווי נאָר די זון איז פֿאַרגאַנגען, האָט מאַכמעד דורך זײַטיקע געסלעך פֿאַרלאָזט דאָס הויז, וואו ער האָט אַ לאַנגע צײַט געוואוינט צוזאַמען מיט כאַדידזשיאַ. אין זײַן שלאָפֿצימער איז געבליבן אַלי, וועלכער האָט אויף זיך אָנגעטון מאַכ־מעדס מאַנטל און זיך אַרײַנגעלייגט אין זײַן בעט אַרײַן. דערווײַל איז מאַכמעד אַרויס אונטער דער שטאָט, דאָרטן האָט ער שוין געטראָפֿן דעם קעמל־פֿירער, באַלד איז אויך אָנגעקומען אַבו־בעקראַ און אַלע דרײַ האָבן זיך מיט די צוויי קעמלען געלאָזט מיט זײַטיקע אומוועגן קיין מעדינאַ. ס'איז פֿאַר זיי קלאָר געווען, אַז ווי נאָר די קאָריישיטן וועלן דערזען, אַז מאַכמעד איז נישטאָ אין שטוב, וועלן זיי פֿאַר־שטיין, אַז ער איז אַנטלאָפֿן און מ'וועט אים נעמען נאָכ־יאָגן.

און אַזוי איז טאַקע געשען. בײַנאַכט זענען אַרײַנגעקומען עטלעכע קאָריישיטן שטילערהייט דורך די פֿענסטער אין מאַכ־מעדס שלאָף־צימער. זיי זענען צוגעלאָפֿן צו זײַן בעט, גרייט

זיך צו וואָרפן אויף אים. דאַמאָלס האָט אַלי זיך אַ ריס געטאָן פון געלעגער און אויסגעשריגן:

— וואָס טוט איר דאָ? איך בין אַלי, נישט מוכאַמעד!

— וואו־זשע איז אַהינגעקומען מוכאַמעד? — האָבן די קאָריישיטן געפרעגט פאַרוואונדערט.

— ער איז אַוועק אין דער מדבר מתפלל זיין צו גאָט.

—איז געווען דער ענטפער.

און די קאָריישיטן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אויף אַלע וועגן, כדי פאַר יעדן פּרייז צו כאַפּן דעם געפערלעכן נביא.

.3

מאַכמעדס אַנטלויפן פון מעקאַ קיין מעדינאַ האָט גע־מאַכט אַן איבערברוך אין זיין לעבן אַלס שעפער פון אַ נייער רעליגיע. דאָס דאָזיקע אַנטלויפן, וואָס איז פאָרגעקו־מען אין סעפּטעמבער 622, ווערט ביי די מוסולמענער אָנ־גערופן הידזשראַ און פון דאָזיקן יאָר הויבט זיך אָן די מאַכמעדאַנישע צייט־רעכענונג. פון דעם דאָזיקן יאָר הויבט זיך אויך אָן די אייגנטלעכע גרינדונג פון דער נייער רע־ליגיע. פון אַ פאַרפאָלגטן ווערט מאַכמעד איצט אַ פאַר־פאָלגער. מיט זיינע קעגנער האָט ער זיך אָנגעהויבן צו באַגיין אויף אַ פיל מער אַכזריותדיקן אופן, ווי זיינע שונאים האָבן עס געטאָן מיט אים. מאַכמעד האָט מיט זיינע מעשים געוויזן אַ ביישפיל פאַר דעם שפּעטערדיקן קעמפנדיקן איס־לאַם, וועלכער האָט אויסגעראָטן גאַנצע שטעט מיט איינ־וואוינער.

לאַנג האָט געדויערט, ביז מאַכמעד איז אָנגעקומען קיין מעדינאַ. אויף אַלע וועגן האָבן געלויערט אויף אים די קאָ־ריישיטן. ער האָט זיך געמוזט אויסבאַהאַלטן אין היילן און גריבער, נעכטיקן אויפן זאַמד אין דער מדבר און דורך פאַרשידענע שמאָלע, געפערלעכע שטעגן איז ער ענדלעך דעם 20 סעפּטעמבער 622 אַריינגעריטן קיין מעדינאַ. זיינע אָנ־

הענגער האָבן אים פייערלעך אויפגענומען. עטלעכע טויזנט מאַן זענען אים אַנטקעגנגעגאַנגען מיט געזאַנג און טענץ. דער אַריינפאָר איז געווען אַ געוואַלדיקער טריאומף פאַר דעם שעפער פון דער נייער רעליגיע. מאַכמעד האָט איצט דערזען פאַר זיך אַ כח. ער האָט זיך אַליין נישט פאָרגעשטעלט, אַז אַזויפיל מענטשן גלויבן אין זיין לערע. און ווען ער האָט דערהערט די יובעלנדיקע אויסגעשרייען לכבוד אים, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז איצט קאָן ער אויסנוצן די דאָזיקע לאַגע, כדי צו באַקומען מאַכט. דער געפלאָגטער און גערודפטער נביא האָט דערפילט, אַז איצט איז געקומען די צייט פון הערשן און פאַרטיליקן אַלע זיינע שונאים. און נישט בלויז דאָס. ער האָט זיך פאַרמאָסטן אויף אַ געוואַגטערן שריט, ער האָט באַשלאָסן צו צווינגען אַלע אַראַבער, אַז זיי זאָלן צושטיין צו זיין לערע און אויסראָטן מיט שווערד די, וואָס וועלן זיך נישט וועלן אונטערוואַרפן זיין הערשאַפט. דער וויזיאָנער און פאַנטאַסט, דער טרוימער און זוכער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ רעליגיעזן דיקטאַטאָר.

אין מעדינאַ האָבן זיינע אָנהענגער אויפגעבויט פאַר אים צוויי הייזער. איינס פאַר אים און פאַר זיינע ווייבער, וועלכע מ׳האָט אים צוגעשטעלט פון אַלע זייטן. אַבו־בעקראַ האָט אים אוועקגעגעבן זיין טאָכטער, יעדער אָנהענגער האָט געהאַלטן פאַר הייליק אַוועקצוגעבן דעם „נעבי“ זיין שענסטע טאָכטער. אַזוי אַרום האָט מאַכמעד זיך איינגעשאַפט דעם ע ר ש ט ן האַרעם. ער האָט געהאַט דרייצן ווייבער און אַן אַ שיעור קעפּס־ווייבער. צווישן די ווייבער האָט זיך אויך געפונען די שיינע, זיבן־יעריקע איישאַ. מאַכמעד האָט זי געזען ביי איינעם פון זיינע חסידים און זי איז אים זייער געפעלן געוואָרן. האָט ער אויסגעדרוקט זיין וואונטש, אַז איישאַ זאָל אויך געהערן צו די פרויען, וואָס „פאַרזיסן דאָס לעבן פון נביא“ און זיין בקשה איז באַלד דערפילט געוואָרן. די זיבן־יעריקע איישאַ האָט נאָך אין דער זעלבער נאַכט פאַרברענגט אין שלאָפצימער פון דעם „גרויסן נביא“...

אָבער וועגן מאַכמעדס קעניגן אין דער ווייבער־וועלט וועט אונז נאָך אויסקומען צו רעדן. איצט איז נויטיק זיך צו באַקענען מיט דעם „נביאס“ ווייטערדיקער טעטיקייט אין מעדינאַ, מיט זיין אויפשטייגן, מיט זיינע נצחונות, מיט זיינע רעליגיעזע מלחמות. מאַכמעד האָט זיך נישט צופרידנגע־שטעלט, ווי אַנדערע שעפער פון רעליגיעס, מיטן בלויזן וואָרט, ער האָט גענומען אויך צו הילף דעם טאַט, די מעשים. ער האָט זייער גוט געקענט די נשמה פון אַראַבער, וועלכער האַלט פון ווערטער, וואָס ווערן באַגלייט פון מעשים. מאַכמעדס ווייטערדיקע טעטיקייט באַשטייט דעריבער פון כסדרדיקע בלוטיקע קאַמפן, וועלכע האָבן געהאַט דעם צוועק מיט געוואַלט צו שאַפן אָנהענגער פון איסלאַם.

אין מעדינאַ האָבן די ערשטע גלויביקע אויפגעבויט אַ געבעט־הויז, וואָס איז געווען דער ערשטער מיטשעט אין דער וועלט. דאָ האָט מאַכמעד צונויפגעזאַמלט זיינע אָנהענגער און מען פלעגט תפילה טון צו אַללאַ, דאָ פלעגט מען אָפּהאַלטן באַראַטונגען וועגן אָנפאַלן אויף פאַרבייגייענדיקע קאַראַוואַנען און דאָ פלעגט מאַכמעד אַנטוויקלען די עיקרים פון זיין לערע.

די ערשטע אויפגאַבע איז געווען צו צווינגען די מעקאַער איינוואוינער, אַז זיי זאָלן זיך אונטערגעבן דעם ווילן פון „נביא“. מאַכמעד האָט פאַר יעדן פרייז געוואָלט נקמה נעמען אָן די קאָריישיטן, וועלכע האָבן אים געצוואונגען צו אַנטלויפן, אויסגעלאַכט זיין תורה און אפילו געזוכט אַ וועג, ווי אַזוי אים צו מאַכן אומשעדלעך אין מעדינאַ. פאַר די קאָריישיטן איז מאַכמעדס וואַקסנדיקער איינפלוס אין מעדינאַ געווען געפערלעך און מ׳האָט אין מעקאַ כסדר זיך באַראַטן וועגן אַ סוף מאַכן צו מאַכמעדס טעטיקייט. מ׳האָט זיך אפילו געגרייט ארויסצושיקן אַ באַוואָפנטע קראַפט, וועלכע זאָל אויסהרגענען די גאַנצע סעקטע מיט איר פירער בראש. וועגן דעם אַלעם האָט זיך מאַכמעד אינגיכן דערוואוסט. ער האָט געשאַפן אַ מין קריגס־ראַט, אין וועלכן ס׳זענען אריין זיינע

נאָנטסטע פריינט און אָנהענגער מיט אַבו־בעקראָן און אַלי
בּראַש. אין יאָר 623, דאָס הייסט אין דער ערשטער כידוש־
ראַ, האָט מאַכמעד געשיקט צוואַנציק באַוואָפנטע מענער,
וועלכע האָבן געדאַרפט אויספירן די גענגט אַרום מעקאַ און
אויב ס׳וועט געלונגען, האָבן עטלעכע פון זיי געדאַרפט אַריין
אין דער שטאָט און זען, צי די מעקאַער גרייטן זיך צו אַ
באַוואָפנטן אָנפאַל.

נישט ווייט פון מעקאַ האָט די דאָזיקע אויספירער־
גרופּע אָנגעטראָפן אויף אַ קאַראַוואַן, וועלכער האָט געפירט
סחורה קיין סיריע. דעם קאַראַוואַן האָבן באַגלייט פיר קאָ־
ריישיטן. מאַכמעדס לייט האָבן לאַנג נישט געטראַכט. די
נייע סעקטע האָט געדאַרפט אַ סך זיידנס און בשמים־איילן,
מיט וועלכע דער קאַראַוואַן איז געווען באַלאָדן. די צוואַנציק
באַוואָפנטע אַראַבער האָבן אַרומגערינגלט דעם קאַראַוואַן און
אַלץ צוגערויבט צוזאַמען מיט די קעמלען. איינער פון די
קאָריישיטן, וועלכער האָט זיך אַקעגנגעשטעלט, איז געהרגעט
געוואָרן אויפן אָרט, איינעם איז געלונגען צו אַנטלויפן און
צוויי זענען גענומען געוואָרן געפאַנגען לעבעדיקערהייט.

ווען די אויספירער זענען צוריקגעקומען צו מאַכמעדן
און באַטרעטן זיין אויפנאַם־־חדר אין מעטשעט און דער־
ציילט וועגן דעם גאַנצן רויב־אָנפאַל, האָט זיי דער נביא
געבענטשט און געהייסן דעם גאַנצן רויב פונאַנדערטיילן
צווישן די גלויביקע. מאַכמעד איז געזעסן אויף פאַרשידנ־
פאַרביקע קישעלעך אין אַ רויטן מיט גאָלד־געשטיקטן מאַנטל
און דורכגעקוקט די צוגערויבטע סחורות און טייערע איילן.

— די קאָריישיטן גלויבן נישט אין אַללאַ און זיי האָבן
פאַרטריבן דעם נביא זיינעם, דעריבער וועט אַללאַס צאָרן
זיך אויסגיסן אויף זייערע קעפּ.

די דאָזיקע רייד פון מאַכמעד האָבן אויפגעמונטערט
זיינע אָנהענגער, וועלכע האָבן געזוכט אַ רעכטפאַרטיקונג
פאַר זייערע רויב־אָנפאַלן. אַלע קאַראַוואַנען, וועלכע זענען
אַרויס פון מעקאַ, זענען דורך מאַכמעדס לייט באַפאַלן גע־

וואָרן. עס פלעגן דערביי פּאָרקומען בלוטיקע קאַמפן. שטענ־דיק האָט געזיגט דער פאַנאַטישער גלויבן פון די רויבער, אַז זיי טוען אַ הייליקע זאַך. דאָס רייכטום פון דער סעקטע איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג און צו מאַכמעדן האָבן אויך אָנ־געהויבן צוצושטיין אַזעלכע, וועלכע האָבן בלויז געזוכט אַ געלעגנהייט צו ראַבעווען די רייכע קאַראַוואַנען פון די קאָ־רײשיטן. אין רשות פון מאַכמעדן האָט זיך איצט געפונען אַ גוט אָרגאַניזירטע, באַוואָפנטע גרופּע פון טויזנט מענער, וועלכע האָבן געלויערט אויף אַלע וועגן, וואָס האָבן געפירט פון מעקאַ און נישט דורכגעלאָזט קיין איין קאַראַוואַן. לויטן באַפעל פון מאַכמעדן, וועלכער האָט איצט מער געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ מיליטערישן הויפּטמאַן, ווי פון אַ נביא און גרינדער פון אַ נייער רעליגיע, האָט מען אַלע געפאַנגענע געבראַנגט אין זיין גרויסן חדר פון מעטשעט. דאָרטן האָט ער מיט יעדן איינעם געפירט אַ שמועס, וואָס האָט געהאַט דעם צוועק צו מאַכן יענעם פאַר זיינעם אַן אָנהענגער. און האָט זיך אימיצער געפּרוּווט אַנטקעגנשטעלן זיין ווילן, האָט ער געדראָט מיט אַללאַס צאָרן, ד. ה., מיט טויט. צווישן די גע־פאַנגענע זענען אויך געווען אַ סך פון זיינע פּערזענלעכע שונאים, וועלכע האָבן אים אין מעקאַ געזידלט און געחוזקט פון זיין לערע. די דאָזיקע געפאַנגענע האָט ער באַפוילן אָן שום רחמנות צו דערהרגענען, ווייל „אַזוי איז דער ווילן פון אַללאַ“, האָט ער געזאָגט.

מאַכמעד איז געוואָרן שיכור פון זיינע נצחונות איבער די קאַראַוואַנען פון מעקאַ. קיין אָפענעם קאַמף מיט דער דאָ־זיקער שטאָט, כדי זי איינצונעמען, האָט ער נאָך נישט גע־וואַגט אָנצופירן. דערפאַר אָבער האָט ער גענומען פירן אַ קאַמף מיט די יידישע איינוואוינער פון מעדינאַ, אַז זיי זאָלן אָננעמען זיין תורה. ער האָט צו זיך גערופן די יידישע גע־לערטע און זיי דערקלערט:

— ציי ווייסט איר נישט, אַז גאָט, וואָס זיין נאָמען איז אַללאַ, האָט מיך אויסדערוויילט צו לויבן זיין נאָמען און

ארונטערנעמען אונטער די פליגל פון זיין גייסט אלע נישט־גלויביקע?

— דאָס איז נישט אמת, — האָבן די יידן געענטפערט, — גאָט האָט זיך באַוויזן צו משהן און צו די נביאים, אָבער דו ביזט נישט קיין נביא.

מאַכמעד האָט איצט מיט די יידן נישט געפירט קיין וכּוחים, ווי אַמאָל. ער איז איצט געווען זיגער און זיגער טענהן זיך נישט אוים. ער האָט אָנגעצויגן זיינע דיקע ברע־מען, ווילד אַ וואָרף געטון מיטן קאָפּ און אויסגעשריגן:

— וואָגט איר צו פאַרלייקענען אַלאַס אמת? ווילט איר פאַרשוועכן דעם כבוד פון זיין אויסדערוויילטן? גייט אַרויס פון דאַנען, ווייל באַלד וועט זיך אויסגיסן אויף אייערע קעפּ דער צאָרן פון גאָט!

און גאָטס צאָרן האָט זיך טאַקע באַלד אויסגעגאָסן אויף די יידישע קעפּ. מאַכמעד האָט דערציילט פאַר זיינע גלויביקע, אַז די יידן האָבן פאַרשוועכט זיין הייליקייט און ווילן נישט אָננעמען אַלאַס רייד. פאַר דעם נביאס אָנהענגער איז דאָס געווען אַ צייכן, אַז מ׳דאַרף אַריינגיין אין די יידישע הייזער און אויסמאָרדן די נישט־גלויביקע.

אין יאָר 624 האָבן מאַכמעדס אָנהענגער געמאַכט אַ פאָרמעלן פּאָגראָם אויף די מעדינער יידן. דערביי האָט מען געהאַנדלט אויף דעם עכט־בעדואינישן שטייגער: מ׳האָט מער גערויבט און אויסגעפּלינדערט יידיש האָב און גוטס, ווי דערהרגעט. די לעבן־געבליבענע יידן זענען אַנטלאָפן פון מע־דינאַ און בלויז עטלעכע, וועלכע מ׳האָט גענומען געפאַנגען און געברענגט צו מאַכמעדן, האָבן צוליב מורא אָנגענומען זיין תורה.

וויסנדיק, אַז מאַכמעד איז אַ שטאַרקער ליבהאָבער פון שיינע פרויען, האָבן אים די גלויביקע געברענגט געפאַנגען עטלעכע יידישע טעכטער. צוויי פון זיי האָבן מאַכמעדן אין די אויגן, זיך דורכגעשטאָכן מיט שפּיזן, וועלכע זיי האָבן אַרויסגעריסן פון נביאס שומרים. דער רעליגיעזער דיקטאַטאָר

איז אזוי גערירט געוואָרן פון דעם דאָזיקן העלדישן טאַט, אַז ער האָט באַפוילן צו מאַכן די דאָזיקע צוויי יידישע טעכ־טער א פייערלעכע לויה.

אָבער נאָך אַ יידישע טאָכטער, וועלכע איז אריינגע־נומען געוואָרן אין מאַכמעדס הארעם, האָט באַשלאָסן זיך נוקם צו זיין פאַר דעם פאַרגאָסענעם בלוט פון אירע קרו־בים. זי האָט לכתחילה ארויסגעוויזן איר כלומרשטע פולע געטריישאַפט צו מאַכמעדן און זיין לערע. זי האָט מיט אַ באַ־האַלטענעם קרעכץ און פאַרביסענע ליפּן אויסגעפירט זיינע תאוהדיקע פאַרלאַנגען, ווי עס פאַדערט זיך פון אַ הארעם־ווייב. אויף איר איז דעריבער נישט געפאַלן דער מינדסטער חשד, אַז זי טראָגט זיך אַרום מיט אַ שווערן נקמה־געדאַנק.

אין דעם ערשטן הארעם־הויז, וואָס מאַכמעד האָט איינ־געפירט, האָט מען נאָך די פרויען אזוי נישט געהיטן, ווי מען פלעגט עס טון שפּעטער. דעריבער האָט בת־שבע, אזוי האָט געהייסן די דאָזיקע יידישע טאָכטער, געהאַט די מעגלעכקייט צו באַקומען פון אירס אַ באַקאַנטער אַראַבערין אַ זייער גע־פערלעכן סם.

איינמאָל איז זי געקומען צו מאַכמעדן, איז אים, לויטן מנהג פון די הארעם־פרויען, געפאַלן צו די פיס, און מיט אַ זיסער שטים געזאָגט:

— אויסדערוויילטער פון אַללאַ, דיין קנעכט און שקלאַ־פין בת־שבע האָט געלאָזט שחטן פאַר דיר אַ ווייס שעפּ־סעלע און ברענגט עס דיר אַ מתנה.

מאַכמעד האָט זי גענומען אויף דער שויס און געקושט איר יונג לייב. און, זעענדיק, אַז זי געפעלט אים איצט שטאַרק, האָט זי געפרעגט:

— און דער האַר מיינער וועט באַוויליקן צו עסן דאָס געבראָטענע שעפּסעלע פון מיינע אייגענע הענט?

— אודאי וועל איך עסן דאָס געבראָטענע שעפּסן־פלייש פון דיינע אייגענע הענט, — האָט מאַכמעד מיט פרייד גע־זאָגט, — ווייל דיינע הענט שמעקן דאָך, ווי טייערע בשמים

ברענג עס מיר מאָרגן אין מיין חדר פון געבעט־הויז, וועלן דערפון אויך געניסן מיינע געטרייע גלויביקע.

און בת־שבע האָט אָפּגעבראָטן דאָס שעפּסעלע און עס אַרומגעשמירט פון אַלע זייטן מיט דעם געפערלעכן סם. דערנאָך האָט זי עס מיט דער הילף פון אַ שקלאַפין אַוועקגעטראָגן אין מעטשעט אַריין, וואו מאַכמעד איז געזעסן אַרומגערינגלט מיט די עלטסטע פון זיין סעקטע. זי האָט אַרויפגעלייגט דאָס געבראָטענע פלייש אויף אַ זילבערנער טאַץ און עס אונטערגעטראָגן מאַכמעדן.

ווי נאָר ער האָט גענומען דעם ערשטן ביסן, האָט זיך זיין געזיכט פאַרקרימט און ער האָט דאָס שטיקל פלייש באַלד אויסגעשפּיגן.

— פאַרוואָס האָסטו געבראַנגט אַזאַ שלעכט פלייש, בת־שבע? — האָבן זיך זיינע בריעמען צוזאַמענגעצויגן. — צי ווילסטו מיך פאַרסמען דערמיט? — האָט ער מיט אַ דורכדרינגלעכן בליק באַטראַכט איר בלאַס געזיכט און דערשראָקענע אויגן.

ער האָט תיכף באַפוילן, אַז מ׳זאָל אַריינרופן איינעם פון די געפאַנגענע מעקאַער און געהייסן אים עסן דאָס פלייש. ווען יענער האָט נישט געוואָלט אַראָפּשלינגען דעם ביטערן ביסן, האָט מאַכמעד צו אים געזאָגט:

— אויב דאָס איז טאַקע פאַרסמט פלייש, איז בעסער, אַז דו זאָלסט שטאַרבן, איידער איך. איך באַפעל דיר דעריבער, אַז דו זאָלסט עס אויפעסן.

אין עטלעכע מינוט אַרום נאָכן אויפעסן האָט דער שקלאַף זיך אָנגעהויבן צו קאָרטשען פאַר שרעקלעכן ווייטאָק און איז באַלד געשטאָרבן. דאַמאָלס האָבן מאַכמעדס גלויביקע געכאַפּט די ציטערנדיקע בת־שבע, אַרומגעבינדן איר האַלז מיט שטריק און זי דערשטיקט. דער העלדישער יידישער טאָכטער איז נישט געלונגען אויסצופירן דעם נקמה־אַקט איבער מאַכמעדן און ווער ווייסט, ווי אַזוי עס וואָלט היינט אויס־

געזעגט מיט דער מאַכמעדאַנישער רעליגיע, ווען בת־שבען געלונגט צו פאַרסמען דעם שעפער פון איסלאַם.

פון איצט אָן איז שוין מאַכמעד געווען זייער פאָרזיכטיק און ער האָט געטון אַ נדר מער נישט טועם צו זיין קיין עסן פון קיין ווייבערישע הענט. דערביי האָט ער תפילה געטון צו אַללאַ, וואָס ער האָט אים געראַטעוועט פון טויט.

## .4

די איינוואוינער פון מעקאַ האָבן זיך געפילט אָפּגעשניטן פון דער וועלט. די קאָריישיטן זענען שוין מער נישט זיכער געווען מיט קיין איין קאַראַוואַן, וואָס מ'האָט געלאָזט אין וועג אַריין. דער פּלאַן וועגן אַרויסשטעלן אַ גרויסע באַ־[illegible] קעגן מאַכמעדן, איז ענדלעך פאַרווירקלעכט געוואָרן.

אין יאָר 625 (אין דער דריטער כידזשראַ) האָבן די קאָריישיטן צונויפגענומען דריי טויזנט מענער, וועלכע זענען געווען באַוואָפנט פון קאָפּ ביז די פיס, און זיי אַרויסגעשיקט קעגן דעם „נביא“. דעם 24 יאַנואַר, אָדער 5 שאַוואַל (לויט די מאַכמעדאַנישע חדשים) איז די מחנה פון די קאָריישיטן צוגעגאַנגען צו מעדינאַ. מאַכמעד האָט אַזאַ גרויסע צאָל נישט געקאָנט צונויפנעמען. ער איז אַרויס אַנטקעגן דעם שונא מיט טויזנט באַוואָפנטע גלויביקע. ביי דעם קליינעם שטעטעלע אוהוד, נישט ווייט פון מעדינאַ, האָבן זיך ביידע מחנות געוואָרפן איינע אויף דער אַנדערער. אין יענע צייטן זענען די שלאַכטן פאָרגעקומען פנים אל פנים און די ביידע קעמפנדיקע לאַגערן האָבן זיך קעגנזייטיק געשחטן אין בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט. און היות די קאָרייטישן זענען געווען גרעסער אין דער צאָל, האָבן זיי אָפּגעהאַלטן איבער מאַכמעדן אַ נצחון. אַ גרויסע צאָל פון די מאַכמעדאַנער זענען געהרגעט געוואָרן, אַ סך זענען גענומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט און די איבערגעבליבענע זענען אַנטלאָפן קיין מעדינאַ. מאַכמעד אַליין איז פון גרויס שרעק אַנידערגעפאַלן

אויף א שטיין און זיך צוקלאפט ביזן פארלירן דאס באַ־וואוסטזיין. עטלעכע דרייסטע אנהענגער זיינע האבן אים שנעל אוועקגעשלעפט און באהאלטן אין א הייל, ווייל די קאריישיטן האבן פאר יעדן פרייז געוואלט נעמען געפאנגען דעם נביא און זיי האבן אים נאך דער שלאכט ארומגעזוכט צווישן די פארוואונדעטע.

אין דער דאזיקער הייל איז מאכמעד געלעגן באהאלטן עטלעכע טעג. די קאריישיטן האבן זיך נאך כסדר געפונען ארום אוהוד און געזוכט דעם נביא. ס'איז דעריבער געווען געפערלעך ארויסצוגיין. די לאגע אין דער הייל איז געווען זייער א שווערע, ווייל מאכמעד מיט די עטלעכע אנהענגער זיינע, וועלכע האבן זיך דארט אויסבאהאלטן, האבן נישט געהאט קיין עסן, און זיי זענען שיר נישט אומגעקומען פון הונגער. ערשט ווען מ'האט זיך איבערצייגט, אז די קאריישיטן האבן פארלאזט די געגנט ארום, איז מאכמעד מיט זיינע באגלייטער ארויס פון דער הייל און אוועק קיין מע־דינא.

די דאזיקע מפלה האט ביי מאכמעדס אנהענגער ארויס־גערופן א געדריקטע שטימונג, אבער ער האט כאר זיי גע־האלטן פייערדיקע רעדעס און זיי אויפגעמונטערט צו א רע־וואנש־קאמף. לויטן קאראן זאל ער דאמאלס האבן צו זיי אזוי גערעדט: „און אזוי וועט זיין, מיר וועלן ארייניאגן פחד אין די הערצער פון די נישט־גלויביקע, ווייל זיי האבן אוועקגע־שטעלט אפגעטער נעבן אללא. אין זייער וואוין־ארט וועט זיין א שרפה און שלעכט וועט זיין דאס לעבן פון די רשעים“.

און כדי צו טרייסטן זיינע אנהענגער און פארגיטיקן די מפלה, האט ער ארויסגעגעבן א באפעל, אז מ'זאל צונעמען די ערד ביי אלע מעדינער איינוואוינער, וועלכע ווילן נישט צושטיין צום איסלאם. מאכמעד האט דערמיט דערגרייכט א דאפלטן צוועק. א סך, וועלכע האבן די ערד נישט געוואלט אוועקגעבן, זענען צוגעשטאנען צו מאכמעדן און פון די עק־שנים האבן די מאכמעדאנער צוגענומען פאר זיך גרויסע

שטחים ערד און אפילו דעם גאנצן לעבעדיקן אינווענטאר.

ביסלעכווייז האָט זיך די וואונד פון דער מפּלה פאַרהיילט. מאַכמעדס רפואות האָבן געהאָלפן. ער האָט געוואוסט, ווי אזוי צוצוגיין צו דער נשמה פון אראַבער. ער האָט אים געטרייסט מיטן הימל און מיט דער ערד... דער מוט און דער רעליגיעזער גלויבן איז צוריק געוואקסן און מאַכמעד האָט זיך געגרייט נקמה צו נעמען אָן די קאָריישיטן. ער האָט אָבער נישט געוואגט זיך צו לאָזן מיט זיינע מענטשן קיין מעקאַ. די קאָריישיטן וואָלטן אים דאַמאָלס אָפּגעשניטן דעם וועג צוריק קיין מעדינאַ און דאַמאָלס שוין לייכט זיך געקאָנט מיט אים אַן עצה געבן. די קאָריישיטן פון זייער זייט האָבן דעם נצחון נישט אויסגענוצט, כדי צו פאַרנעמען מעדינאַ, זיי איז דער עיקר געגאַנגען צו פּאַקן דעם „נביא" אליין.ביידע צדדים האָבן דעריבער געוואַרט, אַז דער אנדערער זאָל פריער אָנפאַלן. די אָנפאַלן אויף די קאַראַוואַנען מצד מאַכמעדס אָנהענגער האָבן זיך, וואָס אַן אמת, כסדר איבערגעחזרט. דאָס זענען אָבער נישט געווען קיין אָפענע קאַמפן. אזוי זענען פאַרביי צוויי יאָר פון שטילשטאַנד. מאַכמעד האָט דערווייל פאַרפעסטיקט זיין הערשאַפט אין מעדינאַ. ער האָט פון דאָרט ארויסגעטריבן אַלע קריסטן און אויך די אראַבער, וועלכע האָבן זיך נאָך געהאַלטן ביי די געצנדינערישע מנהגים, די גאַנצע שטאָט איז איצט באַשטאַנען פון בלויז מאַכמעדאַנער. ווער ס'האָט נישט געוואָלט ווערן קיין געטרייער אָנהענגער פון מאַכמעדן, איז אומברחמנותדיק פאַריאָגט געוואָרן פון זיין הויז און זיין פאַרמעגן האָט צוגענומען די ניי־געשאַפענע מאַכמעדאַנישע געמיינדע. מעדינאַ איז געוואָרן די ערשטע פעסטונג פון איסלאַם, וועלכער האָט אָנגעהויבן צו הערשן מיט פייער און שווערד.

די קאָריישיטן האָבן פאַרשטאַנען אַז מאַכמעד וועט סוף־כל־סוף אָנפאַלן אויף מעקאַ און זיי אַלעמען אויסהרגענען. זיי האָבן געהערט, אַז מאַכמעד דערציילט זיינע גלויביקע, וועגן דער הייליקייט פון דעם טעמפּל קאַאַבאַ און זאָגט זיי

צו, אז זיי וועלן אינגיכן דארטן עולה־רגל זיין. אבער מאכ־מעד האט זיינע דערציילונגען, וועגן דער קאאבא, וועלכע איז געווען אזוי טיף איינגעבאקן אין הארץ ביי יעדן אראבער, צונויפגעבונדן מיט דער מסורה פון חומש. און אט וואס ער האט איבערגעגעבן:

פון דעם קוואל זעמזעם, וואס געפינט זיך נעבן דער קאאבא, האבן געטרונקען הגר און ישמעאל, בעת זיי האבן דורשטיקע געוואנדערט אין דער מדבר, נאכדעם ווי אברהם האט זיי ארויסגעטריבן פון זיין הויז. אויפן ארט פון קוואל האבן זיך הגר מיט ישמעאלן באזעצט און ווען אברהם האט זיך איינמאל פארבענקט נאך זיין קעפס־ווייב, איז ער געקומען צו הגרן און דארט, נעבן קוואל, אויפגעבויט א טעמפל פון שטיינער, די קאאבא. דעם שווארצן מעטעאריט־שטיין האט געברענגט פון הימל דער מלאך גבריאל. אויף דעם זעלבן ארט האבן מתפלל געווען אברהם מיט זיין זון ישמעאל (דאס דאזיקע ארט הייסט נאך היינט ביי די מאכמעדאנער „מא־קאם איבראהים" — דאס ארט פון אברהם) און דעריבער ווערט די קאאבא דערקלערט אלס הייליקטום פאר יעדן גלויביקן מוסולמענער.

מאכמעד האט בכיון איינגעפלאנצט דעם דאזיקן גלויבן אין דער קאאבא, כדי זיינע אנהענגער זאלן זיין גרייט צו ברענגען די גרעסטע קרבנות ביים איינעמען מעקא.

ער האט געוואוסט, אז מיט דער הילף פון רעליגיעזן עקסטאז וועט ער גיכער איינגעמען מעקא, ווי מיט שפיזן און שווערדן. די גלויביקע האבן זיך איצט געריסן קיין מעקא און גרייט געווען צו ברענגען די שווערסטע קרבנות.

די קארײשיטן האבן וועגן דעם אלץ געוואוסט און דעריבער באשלאסן מאכמעדן צו געבן אן אנטשיידענעם קלאפ. ס׳האט זיך געהאנדלט וועגן זייער ווייטערדיקן לעבן. די קארײשיטן האבן מאביליזירט אלע זייערע מאנסלייט, יונג און אלט, אלץ האט זיך געשטעלט אין קאמף קעגן מעדינא, קעגן מאכמעדן. אזוי ארום האבן די קארײשיטן צונויפגענומען א

קריגערישע מחנה פון צען טויזנט מאַן. פאַר די דאָמאָלסדיקע פאַרהעלטעגישן אין אַראַביע, ווען קליינע שבטים פלעגן קעמפן איינע מיט די אַנדערע, איז אַזאַ מחנה געווען אַ געוואַלדיק גרויסע קראַפט. אין יאָר 627 איז די דאָזיקע מחנה אַרויס פון מעקאַ און זיך געלאָזט קיין מעדינאַ, גרייטנדיק זיך איינ־צונעמען מאַכמעדס פעסטונג. זיי וואָלטן זייער ציל זיכער דערגרייכט, ווען נישט אַ געלונגענער, סטראַטעגישער איינ־פאַל פון מאַכמעדס אַ גלויביקן, אַ פערסיער, וועלכער האָט פון זיין לאַנד גוט געקענט די קונסט פון מלחמה.

מאַכמעד האָט געזען, אַז די געפאַר איז גרויס. אַזאַ ריזיקן, באַוואָפנטן חיל וואָלטן זיינע אָנהענגער נישט געווען בכח זיך אַנטקעגנצושטעלן. מ׳האָט געדאַרפט אויסזוכן עפּעס אַ קונציק מיטל, וואָס זאָל דעם שונא אָפּהאַלטן פון זיין ווייטערדיקן מאַרש. די אַראַבער זענען צו יענע צייטן קיין סטראַ־טעגיקער נישט געווען און האָבן אָנגעווענדעט אין די קאַמפן זייער פרימיטיווע מיטלען. איז געקומען צוגיין דער דער־מאָנטער פערסיער און דערקלערט, אַז ער האָט אַ מיטל, ווי אַזוי אָפּצוהאַלטן דעם שונא ביי די סאַמע טויערן פון שטאָט.

— ווי אַזוי? — האָט מאַכמעד נייגעריק געפרעגט.

— ביי אונז אין לאַנד טוט מען אָפט אַזוי. מען גראָבט אַרום די שטאָט מיט טיפע גרובנס און מען באַפעסטיקט זי מיט אַ מויער. דאָס זעלבע דאַרף מען טון אויך אַרום מע־דינאַ.

באַלד זענען אַלע גלויביקע מענער, פרויען און אפילו קינדער געשטאַנען אונטער דער שטאָט און געגראָבן טיפע גריבער. אַרום אַ טייל פון דער שטאָט איז אויך אַרומגע־מויערט געוואָרן אַ דיקע וואַנט. די אַרבעט איז געגאַנגען אַזוי שנעל, אַז במשך פון עטלעכע טעג האָט מעדינאַ באַ־קומען אַרום זיך אַ פעסטונג. און ווען די אַרמיי פון די קאָ־ריישיטן האָבן זיך דערנענטערט צו דער שטאָט, האָבן זיי נישט געוואוסט, וואָס אָנצוהויבן צו טון. די גריבער זענען געווען טיפע און זייער ברייטע און ס׳איז אוממעגלעך געווען

זיי אריבערצוגיין. וואָלטן זיי געווען געניטע סטראַטעגיקער, וואָלט זיי זייער לייכט געווען אריבערצוגיין די גריבער און צו פאַרנעמען די שטאָט. א סך פון זיי האָבן דערין געזען אַפּעס א כישוף פון מאַכמעדס זייט און זענען אנטלאָפן צוריק קיין מעקא. צווישן די קאָריישיטן איז פאָרגעקומען א צומישונג און נישט פרווונדיק צו שטורמען די שטאָט, זענען זיי זיך צולאָפן, ווייל פון מעדינא האָט מען גענומען אויף זיי שיסן מיט פיילן.

פאַרשטייט זיך, אז דער דאָזיקער לייכטער זיג איבער די קאָריישיטן האָט ווידער אריינגעגעבן מוט מאַכמעדן און ער האָט געשיקט קיין מעקא א שליח מיט אזא פאָדערונג:

— „אזוי ווי קאַאַבאַ איז א הייליק אָרט פאַר די גלויביקע, פאָדער איך פון די מעקאער איינוואוינער, אז זיי זאָלן פראַנק און פריי אריינלאָזן אלע גלויביקע קיין מעקא“.

פון מעקא האָט מען געענטפערט, אז מען איז גרייט אויסצופירן מאַכמעדס באַפעל, אָבער מיט איין באַוואָרעניש. מאַכמעדן ווערט דערלויבט אריינצוקומען קיין מעקא בלויז אויף דריי טעג. די קאָריישיטן האָבן געוואוסט, אז אויב מאַכמעד וועט פאַרבלייבן לענגער, וועלן א סך ארונטער אונטער זיין איינפלוס. מאַכמעד ווידער פון זיין זייט איז אויף דער באַוואָרעניש פון די קאָריישיטן איינגעגאַנגען. ער האָט געוואוסט, אז פריער צי שפּעטער וועט מעקא ארונטערפאַלן אונטער זיין הערשאַפט און צו פירן וועגן דעם א קאַמף האָט איצט נישט געלוינט. מאַכמעדן איז קודם כל געגאַנגען דערין, צו באַווייזן זיינע שונאים פון מעקא, אז ער, דער אויסגעלאַכטער, אָפּגעשפּאָטער, וועט אריינפאָרן אין דער הייליקער שטאָט, ווי א טריאומפירנדיקער זיגער.

און אזוי איז טאַקע געשען. נאָך עטלעכע אונטערהאַנדלונגען איז מאַכמעד דאָס ערשטע מאָל אריינגעפאָרן אין 629 י. קיין מעקא, אין דער שטאָט, פון וואַנען ער האָט געמוזט מיט זיבן יאָר צוריק אנטלויפן, ווי א פאַרברעכער. אין באַגלייטונג פון צוויי טויזנט מאַן, אין זיין רויטן, מיט גאָלד־

געשטיקטן מאַנטל, אויף זיין קליין אייזעלע, איז ער מיט אַ טריאומפירנדיקן בליק אַריינגעריטן אין די מויערן פון מעקאַ. די קאָריישיטן זענען אים אַרויסגעגאַנגען אַנטקעגן און אים באַגריסט, ווי אַ זיגער. ער איז צוגעריטן ביז צו דער קאַאַבאַ, אַראָפּ פון אייזעלע און אַריינגעגאַנגען אין טעמפּל. אַלע געצנ־דינערישע בילדער און סטאַטועס זענען צובראָכן געוואָרן און געוואָרפן געוואָרן צו מאַכמעדס פיס, וועלכער האָט אויף זיי געטרעטן.

מאַכמעד האָט אָפּגעהיט דעם אָפּמאַך און נאָך דריי טעג פאַרברענגען אין מעקאַ, האָט ער די שטאָט פאַרלאָזט. די קאָריישיטן האָבן מיט קנאה און אינערלעכן פאַרדרוס זיך צוגעקוקט צו דעם דאָזיקן טריאומפאַלן אַריינמאַרש פון דעם געוועזענעם קעמל־אַנטרייבער. טיף אין האַרצן האָט ביי זיי ווידער אָנגעהויבן צו גליען אַ פונק פון נקמה. אַלס שטאַרק־סטער שונא פון מאַכמעדן האָט זיך איצט אַרויסגעוויזן אַבו־סאָפּיאַן, וועלכער האָט אַגיטירט פאַר אַ צווייטער מלחמה מיט מאַכמעדן. „מיר זענען נישט ווערט צו גיין אויף דער ערד, צו אָטעמען מיט דער לופט, אויב מיר לאָזן לעבן דעם דאָזיקן שווינדלער און אָפּנאַרער!“ האָט ער געשריגן. מיט זיינע רייד האָט ער סוף כל סוף אַזוי געווירקט, אַז די קאָ־ריישיטן האָבן ווידער דערקלערט מאַכמעדן אַ מלחמה. אָן שפּיץ פון די קאָריישיטן האָט זיך געשטעלט אַבו־סאָפּיאַן. אין יאָר 630 האָבן ביידע צדדים געפירט פאַרביטערטע קאַמפן.

איינמאָל האָבן די קאָריישיטן געליטן אַ גרויסע מפּלה און זיי האָבן געשיקט אַבו־סאָפּיאַנען קיין מעדינאַ, אַז ער זאָל פירן מיט מאַכמעדן שלום־אונטערהאַנדלונגען. פאַר די קאָריישיטן זענען די כסדרדיקע קאַמפן געווען אַן אומגליק, ווייל דאָס האָט אינגאַנצן אונטערגעגראָבן זייער קאַראַוואַנען־האַנדל. ווען אַבו־סאָפּיאַן איז געקומען צו מאַכמעדן, האָט אים דער נביא באַגעגנט מיט אַזעלכע ווערטער:

— אַללאַ הייסט באַשטראָפן אַלע נישט־גלויביקע, אָבער

איך ווייס, אַז דו וועסט זיך אומקערן אויף אַללאַס וועגן, דע־ריבער שענק איך דיר דאָס לעבן. און איצט, אבו־סאָפּיאַן, זאָג, וואָס ווילסטו?

אבו־סאָפּיאַן האָט דערקלערט דעם צוועק פון זיין שלי־חות. דאַמאָלס האָט מאַכמעד אים געבעטן זיך זעצן נעבן זיין רעכטער זייט, אַ סימן, אַז ער גיט אים אָפּ גרויס כבוד און אָנגעהויבן מיט אים פאַרפירן אַ שמועס וועגן דער נייער תורה, וואָס ער, מאַכמעד, ברענגט דער וועלט. מאַכמעד האָט דאָס מאָל גערעדט מיט באַגייסטערונג און עקסטאַז, געשיל־דערט די שיינקייט פון יענער וועלט, דאָס גליק פון גן־עדן.

— שטעל דיר פאָר, אבו־סאָפּיאַן, אַז אויב דו וועסט ווערן אַ גלויביקער פון אַללאַ און זיין נביא מאַכמעד, וועסטו נישט שטאַרבן, דו וועסט אַריבערגיין אין אַן אַנדער וועלט, וואָס געפינט זיך אין הימל. דאָרטן וועט זיין פאַר דיר אָנ־געברייט אַ פּרעכטיקער גאָרטן מיט די גרעסטע טייטלען און מילגרוימען און די שענסטע ווייבער וועסטו דאָרט האָבן, אַזעלכע שיינע ווייבער האָסטו נאָך, אבו־סאָפּיאַן, נישט גע־האַט.

די דאָזיקע באַגייסטערטע שילדערונגען האָבן אויף אבו־סאָפּיאַנען איבערגעלאָזט אַזאַ שטאַרקע ווירקונג, אַז ער האָט צוגעלייגט זיין קאָפּ צו מאַכמעדס פיס און אויסגערופן:

— איך ווער דיין קנעכט, מאַכמעד, איך וועל גיין אין די וועגן פון אַללאַ, ווייל וואויל איז די, וואָס קאָנען געניסן פון זיין גן־עדן, וואו ס׳זענען פאַראַן אַזוי פיל גוטע זאַכן...

און מאַכמעד האָט זייער לייכט באַזיגט אבו־סאָפּיאַנען, וועלכער איז איצט געוואָרן איינער פון די געטרייעסטע אָנ־הענגער פון נביא. ער האָט שוין מער קיין קאַמף נישט גע־דאַרפט פירן. אויב דער אָנפירער פון דער פיינטלעכער מחנה איז געוואָרן אַ הייסער חסיד פון מאַכמעדן, האָט מען שוין מער נישט געדאַרפט פאַרגיסן קיין איין טראָפּן בלוט, כדי צו פאַרנעמען מעקאַ.

אין סוף פון יאָר 630 איז ענדלעך פאַרווירקלעכט גע־

וואָרן מאַכמעדס הייסער פאַרלאַנג. אָן שום שטערונג איז ער אַריין קיין מעקאַ מיט אַ מחנה פון עטלעכע טויזנט אָנהענגער. ער איז זיבן מאָל אַרומגעגאַנגען אַרום דער קאַאַבאַ און דערקלערט פאַר זיינע אָנהענגער, אַז פון איצט אָן וועט דער טעמפּל מיט דעם שוואַרצן שטיין בלייבן דאָס הייליקסטע אָרט פאַר יעדן מוסולמענער. די איינוואוינער פון מעקאַ, וועלכע האָבן זיך צוגעקוקט צו די פאַרשידענע צערעמאָניעס, וועלכע מאַכמעד פראַוועט ביי דעם טעמפּל, זענען אַריבער צום איסלאַם. אינגיכן איז די גרעסטע טייל מעקאַער געוואָרן מאַכמעדס אייפעריקסטע חסידים. אויך די איינוואוינער פון די אַרומיקע שטעטלעך זענען צוגעשטאַנען צו מאַכמעדן.

די נייע לערע האָט געפונען אַלץ נייע אָנהענגער. פון אַ סך אַראַבישע שטעט זענען געקומען דעלעגאַציעס, וועלכע האָבן זיך געבוקט פאַר מאַכמעדן און דערקלערט, אַז זייערע שבטים שליסן זיך אָן אָן מאַכמעדס רעליגיע. דער איינפלוס פון דעם געוועזענעם פאַסטוך האָט זיך ביסלעכווייז גענומען פאַרשפּרייטן איבער אַלע אַראַבישע לענדער. ווי אַ טייך, וואָס גייט אַריבער די ברעגעס און פאַרגיסט גאַנצע שטחים ערד, אַזוי האָט דער נייער רעליגיעזער שטראָם אַרומגענומען אַלץ נייע און נייע אַראַבישע לענדער. דער נאָמען מאַכמעד האָט אויך אָנגעהויבן צו דערגרייכן אויסער די גרענעצן פון אַראַבישן האַלב־אינזל.

זעענדיק דעם געוואַלדיקן דערפאָלג פון זיין תורה, זעענדיק, אַז אירע אָנהענגער ציילן זיך שוין אין די צענדליקער טויזנטער, האָט דער נביא, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ הערשער, באַשלאָסן צו פאַרשפּרייטן זיין ממשלה אויך אין די ווייטע לענדער. ער האָט געהייסן זיין רעכטע האַנט, אַבו־בעקראַן, דער אייגנטלעכער אויספירער פון מאַכמעדס אַלע באַפעלן, אַז ער זאָל אָנשרייבן אַ רוף צו די נישט גלויביקע פעלקער, זיי זאָלן אָננעמען די נייע תורה, „וואָס אַללאַ האָט געגעבן דורך זיין נביא מאַכמעד“.

ספּעציעלע שלוחים זענען דורך מאַכמעדן אַרויסגעשיקט

געוואָרן צום פּערסישן קעניג כאָזראָיאַ, צו די הערשער פון סיריע און ביזאַנטיע, מיט דער פאָדערונג אָנצונעמען דעם איסלאַם. די שלוחים האָבן דערוויילן אומעטום דערציילט וועגן דער נייער תורה און אַ סך איינוואוינער פון סיריע און ביזאַנטיע, פון פּערסיע און עגיפּטן זענען געקומען קיין מעדינאַ אויסדריקן זייער אונטערטעניקייט „דעם נביא פון מעקאַ און מעדינאַ“.

דער זיגערישער מאַרש פון איסלאַם האָט זיך אָנגעהויבן נאָך ביים לעבן פון זיין שעפער. און דער שעפער פון דער נייער רעליגיע האָט זיך געלעבט איצט אין מעדינאַ, ווי אַ קעניג. ער האָט געלאָזט אויפבויען פאַר זיך אַ נייעם, פּרעכטיקן פּאַלאַץ און אויך אַ באַזונדער פּאַלאַץ אויף אַ האַרעם פאַר זיינע ווייבער, וואָס זייער צאָל איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. יעדער אַראַבישער שבט, יעדער הערשער האָט דעם נביא געשענקט אַ שיין ווייב, וואָס „זאָל אים זיס מאַכן דאָס לעבן“. אָבער אַ סך ווייבער האָט זיך דער רעליגיעזער הערשער אַליין איינגעשאַפט אין די פאַרשידענע קאַמפן, וואָס אים איז אויסגעקומען צו פירן מיט יידן און קריסטן. אַ באַזונדער שוואַכקייט האָט ער געהאַט צו יידישע שיינקייטן, וועלכע פלעגן אָבער, ווי מיר האָבן שוין געשריבן, זיך אַליין אומברענגען, איידער צו פאָלגן די באַפעלן פון דעם לײדנשאַפטלעכן הערשער.

אַ באַזונדערן האַרט־נעקיקן קאַמף איז אים אויסגעקומען צו פירן מיט די איינוואוינער פון אַ יידיש שטעטל אין תימן. די יידן האָבן געשטעלט אַ פאַרביטערטן ווידערשטאַנד. פאַרנאַכט, ווען די שלאַכט האָט זיך איינגעשטילט, איז מאַכמעד אַרוים פון זיין געצעלט און דערזען פונדערווייטנס, ווי אַ יידישע פרוי הויבט אויף פון דער ערד איר פאַרוואונדעטן מאַן און טראָגט אים שנעל אַוועק. ער האָט זיך געווענדעט צו איינעם פון זיינע גלויביקע און געזאָגט:

— אָסמאַן, לויף שנעל, דערהרגע דעם פאַרוואונדעטן מאַן און די פרוי ברענג אַהער.

און באַלד האָט אַסמאַן געבערענגט צו שלעפּן די שיינע סאַפיאַ, וועלכע האָט געזידלט מאַכמעדן און געשריגן:

— איך וועל דיר פּריער דערשטיקן און דערנאָך מיט פאַרגעניגן אַריינפאַלן אין דיינע אָרעמס. דיין טויט וועט זיין מיין גליק.

ער האָט אָבער מיט זיין באַציאונג צו איר, מיט זיין באַגייסטערט רעדן, אַזוי געווירקט אויף דער דאָזיקער פרוי, אַז זי איז געוואָרן איינע פון זיינע באַליבטסטע ווייבער. די קראַפט, וואָס דער דאָזיקער מאַן האָט פאַרמאָגט, האָט אויף איר געווירקט מיט אַ היפּנאָטישן כח און זי האָט פאַרגעסן, אַז מאַכמעד איז געווען דער מערדער פון איר מאַן. דער נביא האָט דאָ איבערגעחזרט די געשיכטע פון דוד המלך מיט בת־שבע.

אויסערגעוויינלעך גליקלעך איז מאַכמעד געווען, ווען פון זיינע קעפּס־ווייבער, מאַריאַטע (וועלכע ס׳האָט אים גע־שאָנקען דער עגיפּטישער קעניג), האָט אים געבוירן אַ זון. מאַכמעדס פרייד איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט דעם זון אַ נאָמען געגעבן לויט אברהם אָבינו — איבראַהים. מאַכ־מעד האָט דאָך קיין זין נישט געהאַט און דער הערשער האָט דאָך געוואָלט האָבן אַ פאַרטרעטער, וואָס זאָל שטאַמען פון זיין פלייש און בלוט. ער האָט איבראַהימען ליבער געהאַט מער פון אַלע פרויען און דאָס קינד אַרומגערינגלט מיט אוי־סערגעוויינלעכער צערטלעכקייט. צווישן די פרויען פון מאַכ־מעדס האַרעם פלעגן זיך אָפּשפּילן שרעקלעכע אייפערזוכטס־סצענעס צוליב איבראַהימס מוטער, מאַריאַטע. ער האָט מאַר־יאַטען געשאָנקען מער אויפמערקזאַמקייט, ווי אַלע פרויען. זי האָט אים דאָך געבוירן אַ זון, זי האָט דאָך אים געגעבן דאָס לאַנג דערוואַרטעטע גליק און אַלאַ אַליין הייסט זי דעריבער מער ליב האָבן, ווי אַלע אַנדערע. ער האָט פאַר מאַריאַטען באַשטימט אַ ספּעציעלן בודואַר און איר אָוועקגעגעבן מער נעכט, ווי אַלע פון זיינע פילע ווייבער און קעפּס־ווייבער. די האַרעם־פרויען זענען גרייט געווען מאַריאַטען צו דער־

הרגענען און מיט איינער פון די דינעריננס פון הארעם איז אפגערעדט געוואָרן, אַז זי זאָל מאַריאַטען אַריינשיטן סם אין עסן אריין. אָבער אַט איז געשען אַ פאַקט, וואָס האָט באַלד אָפּגעקילט מאַכמעדס צוגעבונדנקייט צו דער מוטער פון זיין זון...

איבראַהים איז קראַנק געוואָרן .די כלערליי אָפּשפּרע־כונגען און תפילות האָבן, זעט אויס, נישט געהאָלפן, ווייל איבראַהים איז געשטאָרבן... מאַכמעד איז געשטאַנען איבער דעם טויטן קערפּער פון זיין זון און געוויינט, געוויינט, ווי אַ פּשוטער פּאַטער. ער האָט אין יענער צייט פאַרגעסן, אַז ער איז אַללאַס שליח און אויסדערוויילטער. ס׳האָט פאַרגאָסן טרערן אַ טאַטע, וואָס האָט פאַרלוירן זיין קינד. אויפן קבר האָט ער מיט די אייגענע הענט געשאָטן דאָס זאמד און ווען מען האָט אים געפרעגט, פאַרוואָס ער טוט עס, האָט ער געענטפערט:

— דאָס מאַכט לייכטער דאָס צעווייטאָקטע האַרץ. פאַר דעם טויטן איז עס אַלצאיינס, אָבער פאַר דעם לעבעדיקן איז עס אַ גרויסע טרייסט.

עטלעכע חדשים האָט ער כסדר געטרויערט נאָך דעם פאַרשטאָרבענעם קינד און נישט די טרייסט־ווערטער פון אַבו־בעקראַ, וועלכער האָט אים כסדר געבּרענגט גרוסן פון דעם מעכטיקן איסלאַם, נישט די צערטלעכקייטן פון זיינע וויי־בער, וועלכע האָבן זיך באמת צו לינדערן זיין צער מיט היי־סע אָרעמס און פאַרשיכורנדיקע ליבעס־נעכט, נישט דאָס גאָלד און זילבער, וואָס זיינע גלויביקע האָבן אים געבּרענגט במתנה — גאָרנישט האָט געקאָנט טרייסטן דעם פאַרביטערטן פאָטער פון געשטאָרבענעם קינד.

די איינציקע, וועלכע ער האָט צוגעלאָזן צו זיך אין די טעג פון זיין טרויער און געהערט אירע רייד און געשמייכלט, בעת זי פלעגט לאַכן, איז געווען איישאַ, מיט וועלכער ער האָט חתונה געהאַט, ווען זי איז אַלט געווען זיבן יאָר. זי איז אים געבליבן די געטרייעסטע און איבערגעגעבנסטע און

שפּעטער, אין אַ סך יאָרן אַרום נאָך מאַכמעדס טויט, איז זי געווען די גרעסטע קעמפּערין פֿאַרן איסלאַם. איישאַ איז געווען קלוג און זי האָט אים פֿאַרטרעטן כאַדידזשיאַן. זי איז גלייכצייטיק געווען די שפּילעוודיקסטע פֿון צווישן אַלע זיינע ווייבער.

אין די עלטערע יאָרן זיינע האָט זיך ביי דעם „נביא" אַזוי דערוועקט די גלוסטונג צו ווייבער, אַז ער האָט אַפילו צוגענומען ביי זיין אַדאָפּטירטן זון אַ ווייב. וועגן דעם דאָזיקן פֿאַל שרייבט דער קאָראַן, אַז „נאָכדעם ווי זאַאיד (דער אַדאָפּטירטער זון) האָט אויסגעפֿירט מיט איר זיין פֿאַרלאַנג, האָט זי מאַכמעד גענומען פֿאַר אַ ווייב, כדי עס זאָל נישט זיין קיין שוועריקייט פֿאַר די גלויביקע בנוגע די ווייבער פֿון זייערע אַדאָפּטירטע זין, נאָכדעם, ווי זיי האָבן שוין אויסגעפֿירט זייער פֿאַרלאַנג מיט זיי, און אַללאַס געבאָט דאַרף ווערן אָפּגעהיט". דאָס הייסט, אַז מאַכמעד האָט עס געטון, כדי אַלע גלויביקע זאָלן זיך אַראָפּנעמען אַ משל פֿון אים... און די גלויביקע האָבן טאַקע אַזוי געטון און געהאַלטן פֿאַר אַ מצוה צו נעמען וואָס מער ווייבער. אַזאַ רעליגיע האָט אין מזרח געמוזט האָבן דערפֿאָלג, אַ רעליגיע, וואָס איז אַזוי ערדיש, פּשוט, באַקוועם און פּראַקטיש, אַ רעליגיע, וואָס רעדט וועגן דער פֿרוי (מיר ציטירן עס פֿון קאָראַן) בזה הלשון:

„אָ, גלויביקע, איר האָט רעכט צו פֿאָדערן פֿון אייערע ווייבער, און זיי האָבן רעכט צו פֿאָדערן פֿון אייך. אויף זיי לייגט אַ חוב נישט צו ברעכן די געטריישאַפֿט צום מאַן און נישט צו טון אַזאַ זאַך, וואָס איז עפֿנטלעך נישט פּאַסיק. אויב זיי טוען אַזעלכע זאַכן, האָט איר דאָס רעכט זיי איינצושליסן אין באַזונדערע צימערן און צו שלאָגן זיי מיט רימענס, אָבער נישט צו שטאַרק. באַגייט אייך מיט אייערע ווייבער גוט, ווייל זיי זענען אייערע שקלאַפֿן און געפֿאַנגענע, זיי האָבן קיין מאַכט נישט איבער עפּעס, וואָס האָט אַ שייכות צו זיי אַליין און איר האָט זיי גענומען און געמאַכט געזעצלעך פֿאַר אייער אייגנס לויט גאָטס וואָרט". אַזוי איז

נעוועץ די באַציאונג פון איסלאַם און זיין שעפער צו פרויען.

אין יאָר 631 האָט מאַכמעד עולה־רגל געווען קיין מעקאַ און געהאַלטן פאַר זיינע גלויביקע אַ דרשה, וועלכע איז געוואָרן דער שפּעטערדיקער אני־מאמין פון יעדן מאַכמעדאַנער. ער איז שוין איצט געווען אין דער פולער בליאונג פון זיין גרויסער, היסטאָרישער קאַריערע. ער האָט שוין מער נישט איבערגעלעבט קיין שום טראַגעדיעס און אינערלעכע איבערברוכן. אין אָנהויב פון זיינע עפּילעפּטישע וויזיעס און ווילדע רייד האָט ער זיכער נישט געחלומט, אַז זיינע חלומות, זיינע האַלוצינאַציעס און פאַנטאַסטישע זעאונגען, וועלן פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ נייע ביבל פאַר מיליאָנען גלויביקע. מאַכמעד האָט זיכער מיט פאַרוואונדערונג געקוקט אויף דעם רעזולטאַט פון זיין רעליגיעזער טעטיקייט. ער איז געווען אויפן העכסטן שטאַפּל פון דערפאָלג און נצחון. ער האָט מער נישט געדאַרפט איצט, ווי זיינע ווייבער, באַזונדערס איישאַן, וועלכע האָט געוועקט די ליידנשאַפט פון דעם צוויי און זעכציקיעריקן מאַכמעד.

אין איינעם פון די פרילינגס־חדשים פון יאָר 632 האָט ער זיך געקלאָגט פאַר איישאַן, אַז דער קאָפּ טוט אים שטאַרק וויי. זי האָט צוגעטוליעט איר ברוסט צו זיין הייסן קאָפּ. מאַכמעד האָט אינגאַנצן געפיבערט. מ'האָט אים געלייגט אין בעט אַריין. ער איז אָפּגעלעגן עטלעכע חדשים און כסדר גערעדט פון היץ. איישאַ איז פון זיין בעט נישט אָפּגעטרעטן. ער האָט קיין אַנדער ווייב צו זיך נישט צוגעלאָזט.

עטלעכע טעג פאַרן טויט איז מאַכמעד געקומען צום באַוואוסטזיין און געהייסן זיך רופן דעם נאָענטסטן בעל־יועץ זיינעם, אבו־בעקראַן.

— אַללאַ רופט מיך צו זיך, — האָט מאַכמעד אים דערקלערט, — און אַלס פאַרטרעטער אויף מיין אָרט (כאַליף, אָדער קאַליף, וואָס באַטייט דער געטוישטער, דער פאַרטרעטער), האָט אַללאַ דיך באַשטימט.

אבו־בעקראַ איז טאַקע געוואָרן דער ערשטער קאַליף אין

דער מאַכמעדאַנישער וועלט און האָט ווייטער געפירט מאַכ־
מעדס זיגערישע אַרבעט.

דעם 8־טן יוני פון יאָר 632 איז דאָס געוועזענע פאַסטוך־יונגל פון מעקאַ און איצטיקער הערשער און שעפער פון אַ מעכטיקער רעליגיעזער באַוועגונג, רואיק געשטאָרבן אויף די אָרעמס פון איינער פון זיינע קלוגסטע ווייבער, פון איישאַ.

אַזוי איז געגאַנגען דאָס לעבן פון דעם דאָזיקן מענטש. אַנדערש ווי דאָס מערטירער־לעבן און דעם מערטירער־טויט פון אַ קריסטוס, אַנדערש, ווי דער צערפוגלער טויט פון אַ משה, וועלכער האָט נישט דערגרייכט צו דער פרייד פון זען זיין לעבנס־ווערק מיט די אייגענע אויגן, אַנדערש, ווי דאָס לעבן פון בודאַ און זאַראַטוסטראַ. מאַכמעדס לעבן האָט זיך אָנגעהויבן, ווי אַ שטורמישער פרימאָרגן און זיך געענ־דיקט, ווי אַ רואיקער, דעמפיקער, הייסער פאַרנאַכט... פון דעם נידעריקסטן שטאַפל, פון אַ פאַסטוך און קעמל־אָנטרייבער — צו דעם העכסטן שטאַפל, צום אָפגאָט פון הונדער־טער מיליאָנען!

אַזוי זענען שוין די וועגן פון יענע, וועלכע די געשיכטע ווייזט אויס.

# צי האָט איר שוין געלייענט?

## ביכער פון די בעסטע וועלט־שרייבער

## צו ביליקע פרייזן

1. מאַקסים גאָרקי — אַן אומגליקלעכע ליבע
2. פירשט י. יוסופאָוו — פאַרוואָס און ווי אַזוי האָבן מיר דערהרגעט ראַספוטינען?
3. עדגאַר אַלאַן פאָ — צווישן לעבן און טויט.

4—5. נ. ניקאַנדראָוו — דער וועג צו דער פרוי
ראָמאַן פון סעקסועלן לעבן אין ראַטן־פאַרבאַנד. 2 טיילן

יעדעס בוך אַנטהאַלט 128 זייטן און קאָסט נאָר

**95 גראָשן**

צו באַקומען ביי אַלע צייטונגס־פאַרשפרייטער
ווי אויך דירעקט אין אונזער פאַרלאַג.

אַלע 5 ביכער (דירעקט פון פאַרלאַג)
מיט פאָרטאָ — 4.50

מיר מאַכן אויפמערקזאַם אונזערע לעזער, אַז די

צאָל עקזעמפּליאַרן האַלט ביים אויסגעשעפּט ווערן.

# „ליטעראַרישע בלעטער“

**אילוסטר. וואָכנשריפט פאַר ליטעראַטור, טעאַטער און קונסט**

**פאַרלאַג ב. קלעצקין זיבעטער יאָרגאַנג רעדאַקטאָר נחמן מייזל**

„ליטעראַרישע בלעטער“ דרוקן אין יעדן נומער: לידער, נאָוועלן, ארטיקלען, רעצענזיעס וועגן די וויכטיקסטע ליטעראַטור- און טעאַטער-דערשיינונגען פון דער יידישער און ניש-יידישער וועלט, בילדער פון טעאַטער-אויפפירונגען, קונסט-רעפּראָדוקציעס, א רייכע יידישע און וועלט-כראָניק.

די אָנגעזעענסטע יידישע שרייבער נעמען אָנטייל אין די „ליט. בלעטער“.

## אין יאָר 1930 גיבן די „ליט. בלעטער“
## 2 גראַנדיעזע ביכער-פּרעמיעס

——— 52 ביכער — יעדע וואָך א בוך. ———

די גאַנצע גרויסע

## „וועלט-געשיכטע“ פון ה. וועלס

איבערגעזעצט פון ענגליש מיט הערות

און צוגעגעבן דורך ז. קאַלמאַנאָוויטש

אין 8 בענד, איבער 2000 זייטן, מיט 500 בילדער, און ספּעציעלע צייכנונגען און געאָגראַפישע קאַרטעס פאַר דער יידישער אויסגאַבע

און דעם באַוווסטן ראָמאַן פון דעם באַרימטן דייטשן ראָמאַניסט, דער נאָבעל-לאַורעאַט

## „צויבערבאַרג“ פון טאָמאַס מאַן

אין 4 ביכער איבער 1200 זייטן, פון דייטש י. באַשעוויס.

**דער אַבאָנאַמענט-פּרייז נישט געהעכערט!**

**אַבאָנאַמענט-פּרייז:** (מיט די פּרעמיעס):

**אין פּוילן: 1/2 יאָר — 24 גילדן, 1/4 יאָר — 12 גילדן.**

**אין אויסלאַנד: 1/2 יאָר — 5 דאָלאַר, 1/4 יאָר — 2.50 דאָלאַר**

אדרעס:
**Warszawa,**
Nalewki 2a, „Literarisze Bleter“

פאַר געלט (אין פּוילן) פּ. ק. א. 98,58.